NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04242

FRILING IN KELERSHTUB

Moyshe Levin

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה לעווין

ווילנע — 1937

ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

[illegible] יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

5

משה לעווין

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

פרילינג אין קעלערשטוב

נאָוועלן און הומאָרעסקעס

ווילנע — 1937

ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

ארויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון פריינד
און דער שרייבער- און קינסטלער-גרופּע „יונג-ווילנע"

הילע און צייכענונגען: ב ע נ צ י ע מ י כ ט אָ ם

PRINTED IN POLAND

Mojżesz Lewin — „Friling in kelersztub"
Nowele i Humoreski

Zakłady Graficzne inż. G. Kleckina, Wilno

דער ריח פֿון אָרעמקייט

פֿאַר אַ בײַנער פֿון קעלער־שטוב שמעקט פֿונעם פֿרילינג דאָס זעלבע ווי פֿון האַרבסט און בפֿרט, אַז דער פֿרילינג אַפֿלט זיך אונטער, ווער ווייס צוליב וואָס פֿאַר אַ סיבות, אָט ווי הײַנטיקס יאָר:

ערשט אינמיטן מערץ איז ער שוין געקומען דער בלאָנדער חבֿרה־מאַן, אין אַ גרויער האַרבסטיקער מאַסקע און מיט יענעמס אַלע קלאַפּערנישן: אַ פֿײַכטע בײַנער־ברעכנדיקע קעלט, אַ ברודנער נידעריקער הימל וואָס האָט נאָר פֿון איינס געוווּסט — פּליוכענען און פּליוכענען אַ קרומען שפּילקע־רעגן גוט אַדורכ־געמישט מיט ווינט.

פֿון אַזאַ מבולדיקן וועטער איז קודם־כּל קראַנק געוואָרן אויף גליבע הירשלס קעלער־שטוב — די שלעכט צוגעלאָזטע פֿענצטער אויפֿן מאַטע שפּיץ נאָך פֿון הויפּישן בית־המדרש און נאָענט פֿון די דערבײַיקע פֿאַרשטאָטישע פּיש־אָזיערעס, האָבן געפֿיבערט מיט פֿײַכטער צעלאָזטער קעלט, די ווענט צעשפּאָלטענע ווי פֿעלזן האָבן געטרונען מיט אַ גריטלעכן ווילגאָטנעם שווייס. און אינעם צעבראָכענעם קוימען הוסטע עס אין די נעכט ווי אין אַ ווייטאָגדיקן קאַש.

פֿון דער קראַנקער שטוב שמעקט זיך ניט אָן מיט גריפּע הירשלס ווײַב ריוול. הירשל אַליין זאַפּט אין זיך אָבן דעם ווייטאָג סײַ פֿון דער שטוב, סײַ פֿון דער ווײַב; און זײַנע בגדים וואָס ער גייט אויף, טרינקען זיך אָן מיט דער מוכלינע פֿון דער שטיקע קעלערישער פֿאַרדאַרבענער לופֿט...

— אָ, די סובלינע, דער אָוועט, נידאָנעדאַכטע... דוכט זיך אויף די נעגל האָט ער נאָרניט געטראַכט... נאָר כע שטינקט אים אין נאָז, זאָגט ער... אין נאָז... עס זאָל שוין בײַ אים איך ווייס ניט וואָס! ער איז אַן אַפּטייקער, צוגעווינט עס זאָל שמעקן!

אַזוי האָט זיך צערעדט הירשל דער שנײַדער, אַרײַנקומענדיק פון גאַס אַ דורכגעווייקטער ווי אַ רינשטאָק-שמאַטע, מיט אַ פאַר־קאַטערטער רויטער נאָז. דער רעגן איז אים נאָך געראָנען איבערן גרויען שמאָלן פּנים, אַדורך די צעצווייגטע קנייטשן ווי עס האָט זיך אַדורכגעמישט מיטן שווייס.

— ניט צוגעגוסן?! — האָט זיך פון פינצטערן אַלקער דערהערט דעם ווײַבס צעסרײַפּלט גריפּע-קול.

— ער'ט אַפילו ריידן מיט מיר ניט געוואָלט! זיך געכאַפּט פאַרן נאָז... „ניט, — מאַכט ער, — פאַרעט עס אויס... עס הערט זיך... איך האָב אײַך אָפּגעגעבן אַ שמעקעדיק ריין שטיקל סחורה און איר'ט מיר געבראַכט אַ הקדש...“ און דערווײַל זיך געגוסן פּשעפּען צו די אַרבל, צום קאָלנער... אָט איז אַ קלאָ־געדיקע שטוב, אָ!...

אַ וואָרף טוענדיק דעם בגד אויף דר'ערד, האָט זיך הירשל אַוועקגעזעצט בײַם פענצטער, פאַרפּאַקט דער שווערן הייסן קאָפּ ווי אַן אָנגעברענטן שטיין אין ביידע הענט און געקוקט אינעם פינצטערן דרויסן, ווו דער רעגן איז געראָנען שוואַרץ בלישטשענדיק ווי פון פעך. די ווײַב, אַן אַדורכגעווייקטע אין שווייסיקן פיבער, האָט דערזעענדיק דעם זיך וואַלגערנדיקן בגד אויף דר'ערד זיך פאָרגעשטעלט: אַ צוואַנציקגילדנדיקע מטבע, וואָס איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ כּת, און עס האָט זי געהויבן פון בעט ווי פון אַ פײַער;

— הירשל... זײַ ניט קיין גזלן... הייב אויף דעם בגד פון דר'ערד... וועסט עס מיט שפּירעט אויסשפּריצן, וועט ער צונעמען... וואָס קוקסטו אין פענצטער? קיין לעבל ברויט וועסטו דאָרט ניט דערזען...

נאָר הירשל — מיט אַן אויסגעצויגן פּנים, וואָס האָט גאָכן פאַרטריקנט ווערן פונעם רעגן געקראָגן די געלבע פאַרב ווי די

זוענס, האָט געקוקט אויפן קעגנאיבערדיקן ברוינעם בית־הכּסא און אויף די שכנים פון הויף, וועלכע זײַנען דאָרט אַרײַן און אַרויס... אַ מאָדנע לײַדנשאַפטלעך־ווייטאָגדיקע הנאה האָט ער געפילט, קוקנדיק אויף יענער הילצערנער ברוין־געמאָלטער געבײַדע, וואָס האָט פאַרשטעלט פון אים די וועלט און זײַן אַרבעט פאַרמיאוסט. אָפטמאָל קוקט ער מיט יענע אומבאַהאָלפענע אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן, ווי אַ געפּײַניקט פערד אויף די ווײַדן פון זײַן הינטער־חלק, וועלכן ניפּטיקע פליגן האָבן צעביסן...

— רבונו של עולם! דוכט זיך אַזוי הויף מיט אַרעסטלײַט און אַלע האַלטן אין איין לויפן... הײַנט ני זאָג, אַז מען עסט ניט בײַ לעבן, — האָט הירשל אַרויסגעהאַקט מיט אַ קרעכצנדיקן געלעכטער, — און וווּ נעמט מען עס געלט?... הײַנט פאַר פון אַלעמען לויפט זשוקע דעם אַרבעטסלאָזנס משפּחה... מיט ליידיקע בײַכער לויפט מען ניט אַזוי פיל, וועסט מיר ניט אײַנרײדן!

— קוק ניט אַזוי פיל, וועט זיך דיר ניט אויסדוכטן, — האָט געענטפערט די ווײַב — און דו לויפסט ניט? און איך ניט? מען פּטרט אַוועק דעם מאַן זיך אָנעסנדיק מיט אַלע קלאָגן און מען לויפט... גיי, הירשל, מאַך בעסער דעם בגד צו רעכט...

נאָר הירשל לאָזט אַלץ שפּילן אין האַרצן זײַן חוזק צו דאָס נאַטירלעך־מענטשלעכע אַקעגן אים, וואָס איז צוליב זײַן פאַרשוכליניעטער וווינונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קוואַל צו שעפּן ביטערן חוזק פון זיך, פון זײַנע שכנים און פון דער גאַנצער וועלט... אַפילו בעת דער אַרבעט, אַז ער האָט אויפן בית־הכּסא קוקן ניט געוואָלט, האָט ער נאָך די פאַרבײַגייענדיקע שאָטנס געפילט וויפל מאָל מען גייט, געהערט דעם סקריפּ פון דער טיר, פון די מענטשלעכע גערעדים... און אַז ער דערמאָנט זיך: דעם דאָזיקן ריח וועט ער באַדאַרפן צו זײַנע קינדער אַוועקטראָגן און חרפּה האָבן אָנשטאָט געלט — ברעכט זיך אַרויס אַ קללה פון זײַנע ליפּן:

— פאַרשפּאָרן זאָלט איר שוין פון דאָרטן אַרויסצוגיין!

— געוואַלדינקעס, דער ייִד וועט דאָך מסתּמא משוגע ווערן צוליב דעם! — האָט די ווײַב געשריגן — פאַרריכט דעם

בגד, וועט זײַן אַ פּאָר גילדן פֿאַר מערקען אין קליניק... און אַפּעלסין אוועקצוטראָגן... האָטש, דוכט זיך, גרעסערע וואָרגן ווי פֿאַרן אָפּטרעטן, ניין?

ס׳לעצטע האָט אַפּניב געווירקט אויף הירשלען, איבערגעקערט זײַנע מחשבֿות פֿון דעק אַרויף... ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, אַ כאַפּ געטאָן דעם בגד פֿון דר׳ערד און זיך גענומען פּאַרקן בײַ דער מאַשין, שוין טראַכטנדיק עפּעס אַנדערש:

... דאָ גאָר ניט לאַנג פֿלעגט ער דאָך דערזען, ווי עס נייט אַרײַן אַהין, אין בית־הכּסא, אַ נעשטשאַלס, וועלכע ער האָט גראָד גע־וואונטשן וואָס פֿריער און גליקלעך אַרויסצוגיין... געווען איז עס פֿאַלקע, זײַן טאָכטערס מערקעס חתן, וואָס האָט אַ סך געהאַט פֿאַרן אַרײַנגיין אַהער אין שטוב אַרײַנצוכאַפּן זיך אַהינצו... און אין שטוב פֿלעגט ער אַרײַנפֿאַלן, פֿאַלקע, מיט אַזאַ שײַנענדיק פּנים, אַז הירשל פֿלעגט טראַכטן: ער פֿילט זיך פֿרײַער דער יונג אַתּה המבֿשׂר... ווײַל וואָס איז דאָ די פֿרייד אויף אים דעם קבצן, דעם רעדוצירטן פֿון דער ראַדיאָ־פֿאַבריק, וואָס האָט צוליב ניט אָפּטפּאַל קיין געלט אָפּצוראַזירן זײַן האָריקן אויסזיס אויף דער מאָרדע, וואָס איז מער ענלעך צו אַ פֿאַרבאַוועסן פֿלעק בײַ אַ מעטאַל־אַרבעטער, איידער צו אַ ייִדישער קלאָגעוודיקער באָרד... ער קומט אַרײַן, פֿאַלקע, בײַנגדיק זיך אין בײדע ווײַטן פֿון שטוב, ווי ער וואָלט געוואָלט דעם רוים אַרומנעמען מיט זײַן גאַנצן הויכן, שמאָלן קערפּער. ער ניט הירשלען אַ פּאַטש אין פּלייצע, דער ווײַב אַ צי פֿאַר דער פֿאַטשיילע, נעמט אַרויס פֿון קעשענע אַ ברוינעם סקאַרמוץ פֿלוימען און טרייסלט אויף:

— נעמט, כאַפּט אָפּ די הערצער! כ׳האָב הײַנט די „זאַ־סילקע" געקראָגן אויסגעצאָלט...

אַ הויפֿן פֿלוימען נעמט ער אַליין אַרויס פֿון זעקעלע און האַלב שקאָציש, האַלב פֿאַרשעמט זאָגט ער:

— ס׳איז ניט פֿאַר מיר, ס׳איז פֿאַר מערעלען!..

אין הירשלס פֿאַנטאַזיע פֿלעגט זיך נאָכדעם אַלץ פֿאַר־וואַנדלען אין איינס — סײַ פֿאַלקע, סײַ מערקע און סײַ דער הויפֿן פֿלוימען — אין אַ קיצלדיקער שושקערײַ, וואָס דערטראָגט זיך אַהער פֿון צווייטן צימערל — — —

— אַך, פֿאַלקע, פֿאַלקע! ווער ווייס וויפֿל יאָר ער וועט באַדאַרפֿן איצט אָפּזיצן, — האָט זיך הירשל פּלוצים צעזיפֿצט...

— עס פֿלעגט דאָך פֿאַרשטעקן אין שטוב, אַז ער פֿלעגט אַרײַן, — זאָגט די אַלטע.

און טרייסטן פֿלעגט ער, פֿאַלקע, אַלעמאָל הירשלען אויף יענעמס באַקלאָגן זיך זײַנע שלעכטן ריח, וועלכן ער פֿאַרשלעפּט צו די קונדן: — צי דען דאַרף עס פֿון אַ גרעטמאַן נאָר זיך הערן דער ריח פֿון טוכלינע? אַ, פֿאַלקע?.. — „איר האָט אַ טעות, הירשל! פֿון אַ גרעטמאַן הערט זיך אויך דער ריח פֿון שווייס און בלוט, וואָס מען צאַפּט פֿון אים, נאָר בײַ לײַטן מאַכט מען זיך דערפֿון ניט הערנדיק"...

שוועקוואַרטנדיק ווידער דעם בגד, ניט הירשל איצט אַרײַן אין דעם טאָכטערס אַלקערל. טאַפּט אַ ווײַלע מיט די אויגן אינעם ענגן מיידל־צימער, און אַז זײַנע בליקן צעשטעלן זיך פֿון־דער שאַרף־קאַנטיקייט פֿון די ווענט און פֿון דער לײַדיקער שפּיציק טרויסטטאַרצנדיקער אײַזערנער בעטל, לייגט ער זיך אַרײַן אַ ווײַלע אין בעטל, ווי ער וואָלט אויספֿילן געוואָלט מיט זײַן וואַרעמען גוף די עלנטע, קאַלטע פּוסטקייט. און ערשט איצט דערפֿילט ער, ווי עס שווענקט זײַן מוח אַ גאַנץ נײַער שרעק און זאָרגן, קעגן וועלכע די פֿריערדיקע, ווען בית־הכּסא, זײַנען אפֿשר קיין גראָשן ניט ווערט...

— פֿאַלקעס שוועסטער איז דאָ שוין הײַנט געווען? — פֿרעגט ער די ווײַב.

— זי איז געווען... זי האָט אַ צווייטע ווענג מיט אים געהאַט... זי זאָגט — ער פֿילט זיך גוט... פֿרעגט זיך שטאַרק נאָך אויף מערקען, אויפֿן קינד... אונדז בעט ער, זיך ניט קלעמען... ווי מיינסטו, הירשל, — האָט די ווײַב פּלוצים גענומען אויסנוצן הירשלס גוטע שטימונג — וויפֿל קען ער קריגן, האַ?..

— אָט אַ קלאָץ־קשיא! — אָכצעט הירשל בייז, — דער איבערשטער ווייס, ניט איך... נאָר מיט אַ פּאָר יאָר זײַנען מיר משפּחות באַוואָרנט — האָט הירשל פּלוצים פּעטש אַ זאָג געטאָ

פילנדיק ווי דאָס האַרץ, אַפּשר מיטן איבערשטנס הילף, וואָגט עס אים אונטער...

— אַ האַר יאָר!... איידער מערקע מיטן קינד וועלן זיך עס איך אים דערוואַרטן...

— נו... פאַרטאָלן... ער האָט דאָך קענן מלכות געזינדיקט...

שטיל. דער האַרטער פליוכענדיקער רעגן אין דרויסן האָט גענומען מידער ווערן און ווייכער שטעלן זיינע טריט... הירשלס שיך—זיינען עפּעס פּלוצלונג אַליין פון די פיס אַראָפּגעפאַלן... אינעם נאָפּטלעמפּל האָט דער קנויט שבילנעריק געלעקט דעם לעצטן קאַפּ נאַפט. די געדיכטע פאַרטובלינעטע קעלערלופט איז ווי אַ קליי צעגעפאַלן צו די צוויי אַלטע מידע גופים אויף די געלעגערס. איז איצט פיינלעך־ליב געוועזן אַ טראָג צו טאָן זיך מיט די מחשבות אַ ביסעלע אַהינטער זיך מיט אַ יאָר אָנדערט־האַלבן צוריק, און ווי אַ גוטן אָנבייסן וואָס טרעפט זיך זעלטן ביי אַן אָרעמאַן, עסן אים אין געדאַנק אויף דאָס ניי — — — —

פּאָלקע. מערקע. ביידע פלעגן די ערשטע צייטן פון זייער באַקאַנטשאַפט אָפּשטיין גאַנצע שעהן ביז שפּעט ביינאַכט ביים טויער, בעת ער פלעגט זי באַגלייטן און אין שטוב ניט אַריין, אפשר שעמענדיק זיך... ווען ער פלעגט פלוידערן מיט דער ווייב אין בעט, פלעגט זיך דאָ צו ווייזן אויערן דערטראָגן פון גאַס, אָפּטמאָל אַדורכגעמישט מיט ווינט, מיט נאַכט, מיט רעגן, אַ שוש־קערבי, אַ געקושערי און האַרציק־הייזעריקע ווערטער... אַזוי טאָג נאָך טאָג, חודש נאָך חודש. ווערן טאַטע־מאַמע אָנגעשלאָגן מיט זיסקייט אין מויל: מערקע וואַקסט אַ כלה... נאָר אַז די טרעפעניש ביים טויער האָט זיך גענומען פאַרציען ביזן טיפן ווינטער, אַז די פּאָר פאַרליבטע פלעגן דאָרט אין די גרעסטע פרעסט ניט פאַר־פרוירן ווערן ווי די קעץ זיך לאַששענדיק און אין שטוב ניט אַריין, האָט עס שוין גענומען הירשלען — ריוולען רופענען:

— פאַרוואָס פירסטו אים ניט אַריין אַהער? — האָט איינ־מאָל הירשל אַ זאָג געטאָן פון בעט אַרויס, — ווען די טאָכטער איז אַריינגעפאַלן אין שטוב שפּעט ביינאַכט און גענומען זיך רייבן די פאַרפראָרענע הענט...

— אַ?... וועמען?... דו שלאָפֿסט נאָך ניט?... און פֿון וואַנען ווייסטו? — האָט זי פֿאַרשעמט און איבערראַשט אָנגעקוקט דעם שטאַרק וואַקלדיקן טאַטן (די מאַמע האָט זיך דאַן געמאַכט, אַז זי שלאָפֿט).

— וועמען? ס'הייסט וועמען? — קראַצט זיך הירשל מיט אַ הייסער דלאָניע די קאַלטע פּלייצע — דו שטייסט דאָך, דוכט זיך, לעבן טויער מיט עמעצן אַלע נאַכט, האַ?

— אַ... דו הערסט... — זאָגט זי שמייכלענדיק פֿאַרשעמט, און שווײַגנדיק אַ רגע קוקט זי פֿעסטער, צוזאַמענגענומענער און מיט פֿאַרוויילף: — נאָר טראַכט קיין סך ניט איבער, דאָס בעט איך דיר, טאַטע... קענסט נאָך מיינען אויף דײַן שטיינער: אַ חתן... כ'ווייס... האָסטו אַ טעות, ס'איז אַ חבר איינער...

— און אויב אַ חבר איז וואָס? — רעדט הירשל טרוקן, און אין האַרצן טראַכט ער זיך שמייכלענדיק וועגן מערקען הערבער, באַשליסט, אַז זי, די קלוגיטשקע, האָט זיך דאָס מאָל באַנאַרישט. כ'הייסט? ער האָט זי רעדן דערמאָנט וועגן אַ חתן?... דאָס טראַכט זי!

מערקע איז נאָך דאַן לאַנג געזעסן אַ ניט אויסגעטאָנענע אויף איר בעטל. פֿאַרטאַקנדיק איר קליין רויט פֿאַרפֿרוירן פּנים אין ביידע הענט, האָט זי אַזוי שווער דעם אָטעם געשלעפּט, גלײַך זי וואָלט זיך געטרונקען... צום סוף האָט זי אויסגעבראָכן ווי צו זיך, מיינענדיק, אַז דער טאַטע שלאָפֿט שוין: — מיר אים דאָ אַרײַן... ווי זאָל איך אים דאָ אַהינטאָן, ווי?... אַזוי ענג איז... און פֿון דעם ריח פֿון קלאָזעט מיט די בוכלינג קען מען דער־שטיקט ווערן...

אויף מאָרגן אָבער האָט זי אים דאָ אַרײַנגעפֿירט... אַרײַנגעפֿירט מיט אַ מינע וואָס האָט ערוואַרט פֿאַרלעגנהייט, קלעמעניש, חרפּה. און ער? וואָס בוכלינג, וועמען קלאָזעט! — „רב הירשל! פּאַטשט ער ליבט דעם שנײַדער אין זײַן רונד אויסגעבויגענער פּלייצע, — איר מיט מערקען פֿאַרענטפֿערט זיך פֿאַר מיר אויפֿן שלעכטן געראָך? עך, עך, איר עסטעטיקער... פֿון אונדזו הערט זיך באַקן דער ריח פֿון בוכלינג, נאָר גלײַכצײַטיק דעם ריח פֿון

שווייס און בלוט און פֿון אַרבעט..." ער האָט זיך דאָ צעליינט ברייט־היפּיש, פּאָלקע, פֿאַרדרייט אַ באַנקרוסקע, געקעמט מיט פֿינף פֿינגער ווי מיט אַ שיטער קעמעלע זײַנע שוואַרצע שפּיקער שוואַרצע האָר אויפֿן שטערן צעשלײַדערט און גענומען הירשלען דערציילן זײַן טעמער קורץ און שאַרף:

— ער איז פֿון אָשפּיצנע איז ער, האָט עלטערן, ברידער, שוועס־טער, זײַנע קבצנים — לאַכט ער מיט אַ פֿול פֿאַרפּאַקט מויל קלאָרע ציין — ער האָט דאָ אין דער ראַדיאָ־פֿאַבריק געאַרבעט... רעדו־צירט געוואָרן. איצט לעבט ער פֿון „זאַבילקעס" און צופֿעליקע שטיקלעך אַרבעט... פֿון פֿאַך איז ער אַ שלאָסער... און וואָס נאָך זאָל איך אײַך דערציילן — לאַכט ער ווידער צו הירשלען — מען רופֿט מיר פּאָלקע... נאָכן מלאך רפֿאל...

און ער לאַכט אויך צו מערקן, וויגט שטיפֿעריש די פֿיס זיצנדיק אויפֿן הויכן שנײַדערישן טיש, ווינקט צו איר, און זי איז אַזוי צופֿרידן וואָס די באַקאַנטשאַפֿט מיט די עלטערן האָט זיך אַזוי חבריש אײַנגעגעבן...

הירשל מיט דער ווײַב האָבן געשלונגען די צופֿרידנקייט פֿון פּאָלקען. „ער איז דאָ געוואָרן אַ גאַנצער יאַ מעבל דאָס" — ווערטלט זיך הירשל. קומט ער צו גיין, אין אָוונט ווידמעט ער פֿאַר די אַלטע אַ היפּשע שטיק צײַט. דאָ פֿאַרריכט ער דעם צעפֿאָרענעם שלאָס פֿון טיר, דאָ פֿאַרדינגלט ער בעסער די פֿענצ־טער. ער קען אויך גלעזערײַ און פֿאַרקיטעוועט די שפּאַלטן מיט וואַטעקיט... און איינמאָל האָט מען אים קוים אײַנגעהאַלטן — ער האָט גענומען קלעטערן צום קוימען מיט אַ בעזעם, מחמת דאָ רויכערט צו פֿיל, צו פֿיל ווײַל עס באַדאַרף אַפֿילו בײַ אַן אָרעמאַן רויכערן... און ער בעט זיך:

— לאָז מיך! כּותל אויסרייניקן די סאַזשע פֿון קוימען, פֿאַרריכטן די יושקע...

דערפֿאַר אָבער האָט ער שווײַגנדיק, נאָר מיט אַ שטומער פֿאַרעקשנטער דרייסטקייט, געפֿאָדערט בײַ די אַלטע רו און אָרדע־נונג פֿאַר זיך מיט מערקען, ווען ער פֿאַרשפּאַרט זיך מיט איר אין אַלקערל. און אַ סימן איז געווען פֿאַר די אַלטע, אַז זיי דאַרפֿן

אים צו רו לאָזן, בעת ער פלעגט אַרויסשלעפּן פון בוזעם-קעשענע
אַ היפּשן פּעקל צײַטונגען און זאָגן:

— נו, אַ גוטע נאַכט אײַך, הירשל און ריוול!.. אַז איך וועל אויפקומען, וועט איר דאָך שוין געוויס שלאָפן און איך וויל מיט מערקן דורכלייענען די צײַטונגען...

אויף זײַן שטענדיק מילד שמייכלענדיקן פּנים צעלייגט זיך דאַן עפּעס אַזאַ הנאה, זיך אָפּקילנדיקע פלעווע פון אַלץ סכר זיך פאַרטיפנדיקע קנייטשן, אַז הירשל שטעלט אַוועק דעם פּרעסאַטון, גיט אַ הייב אויף די שפּאַקולן אויפן שטערן און שמײכלט:

— אַ... אַ גוטע נאַכט, טאַטע... אַ גוטע נאַכט... — און אין זיך זאָגט ער: אַ מאָדנער... אַ מאָדנער בחור...

נאָר שפּעט בײַנאַכט, אַז ער האָט זיך שוין גוט אויסגע-שלאָפן, הירשל, ער גיט אַ קוק: קינדערלעך טײַנע! און וואַר-טעט בײַ אים אין ליכטיק! אַן אמתע לוסטעריע, עס הערן זיך שטימען פון נאָר אַנדערע נשמות, קוויטשיקע, פון יונגע פּיזשי-קעס און באַטאַווע פון גרויסע וואָלאַיען... טאָלקע אַפנים האָט חברים אַרײַנגעלאָזט... און ווי זיי דערהערן, אַז ער רירט זיך אויפן בעט, נייט מען זיך ביסלעכווײַז פונאַנדער... איז מיט דער צײַט פאַר די אַלטע דאָס געהיימעניש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קלאָרער מעשה: טאָלקע פאַרנעמט זיך מיט פּאָליטיק... טערקע האָט זיך מיט דעם געוויסן פאָרען באַקע אויך אַדאַנק אים... און היפּש בײַן בלוט מיט הערצן האָט עס טאַטע-מאַמע געקאָסט, איידער זיי האָבן מיט די הענט אַ טאָך געטאָן און ערוואָרט די נײַע קלאָגן, וועלכע קענען זיך פון דעם אויסברייטן, — מיט דער וועלכער ווײַטאָגדיקער געדולדיקייט, ווי זיי ערוואַרטן דעם ווינטער, די גריפּע, די הוכלינע און צו ביסלעכווײַז הונגער...

נאָר אַמאָל פלעגן זיך דערטראָגן פון טאָלקעס און טערקעס אַלקערל צו הירשלס אויערן גאָר גאָר שוואַכע קלאַנגען וואָס האָבן זײַן אומרו אין אַ נײַער ריכטונג צעאַקערט... דאָס פלעגט געשען, ווען די אַלטע, צוליב אירע קאַליע געוואָרענע אויערן, פלעגט זיך אַנשלאָפן וועלן מיט אַ פּײַנדיקער ווײַבערישער כראָפּעניש,

וועלכע פלעגט פאַרהילכן אויך זײַן, הירשלס, אומרויִקן קאַסטאַראָטעס. די קינדער פלעגן דעריבער מיינען, אַז אויך ער שלאָפט... און ער — ווי ער באַט זיך ניט צו שפּיאָנירן דער טאָכטערס יונג פאַרליבטע געפילן, שלעפּערט עס אים אָבער ניט... ער הערט... דאָס שטילע געקלאַנג פון דער צעדריוולטער קאַנאַפּע מיט די צעשרויפטע פראַנזשינעס קלינגט אין זײַנע אויערן ווי אַן אַלאַרם־גלאָק אויף אַ שׂרפֿה... אבֿת — קלערט ער דאַן אַ פאַרשטיקטער אין קישן — די קינדער זײַנען יונג, מיט שפּאָגל נײַע געדאַנקען הבנטוועלטיקע, מיט ביכלעך אָנגעלייענטע... די הערצער זייערע און די גופים צינדן זיך אָן לײַכט ווי שוועבעלעך... נאָר זיי פאַרברענען דאָך גלײַכצײַטיק אויך זײַן אָרעמע שטיקל וועלט... זיי מיינען געוויס, אַז ער שלאָפט... דער קלוגער פאָלקע וואָלט אַ־שטאַרקער מאַנצביל געווען. ווען ער ווייס, אַז ער, דער טאַטע, וואַכט... ווײַל מאַלע וואָס די יונגע וועלט טוט אָט בעת די אַלטע כראָפּען..

און אַנדערש מאָל פלעגט זיך הירשל בכיוון פריער שלאָפן לייגן. ער פלעגט מיט זײַן שטאַרקן ווילן די אויגן פאַרקוועטשן בגוואַלד ווי מיט צווענגלעך... און אַז עס געלינגט אים אַנטשלאָפן צו ווערן, קען ער שוין אויף מאָרגן ניט ווי אַ שפּיאָן, נאָר אָט אַזוי ייִד, כלומרשט פון יוצא ווערן, געבן דער טאָכטער אָנצוהערעניש וועגן אַ חופּה...

זי פלעגט זיך קיין סך ניט אויפרעגן. גאָרניט חושד זײַענדיק, ענטפערט זי רויִק, אַז: מיט חתונה האָבן איז קיין דאגה ניט, ערגער איז מיטן האָבן פונוואַנעט צו לעבן... נאָר פאַליע וועט שוין מסתמא קריגן אַ שטעלע אינגיכן און — דאַן...

— הער זיך אײַן! — ווענדט זיך הירשל גלײַך קיקנדיק טערקען אין די אויגן, און זײַנע שפּאַקולן, ווי זיי וואָלטן מיט בלוט פאַרגאָסן געוואָרן, בלישטשען שוואַרץ־רויטלעך אַקעגן נאַכטלעמפּל, זײַנע הענט און פיס זײַנען אין דער שטעפּנדיקער מאַשין אַרײַנגעשמידט — פאַרוואָס זאָלט איר ניט קענען חתונה האָבן און וווינען דאָ דערווײַל... ער קוקט דאָך סײַ ווי אַלע אָוונט, איז נאַכטאָל זאָל ער שטעלן בײַנאַכט אין אַ טראָסט אַוועקגיין... מיטן שלאָפן וועט מען זיך ווי עס איז אײַנטאָמאָשען און מאַרציפּאַנעס

איז ער דאָך ניט צוגעוווינט צום עסן... איך בעט דיר, מײַן טאַטער... רייד זיך דורך מיט אים... ווייסט דאָך... מיר פּאַסט עפּעס ניט...

האָט מערקע דאַן אַ זאָג געטאָן לפּעס אַווינס פּשוטס, קלאָרס, און אָן דער מינדסטער דאגה:

— מיר האָבן שוין חתונה געהאַט...

קריכט ער אַרויס פון טאַשין, גיט אַ זעץ אָן טיש, נעמט אַראָפּ די שפּאַקולן פון די אויגן, ווי ער וואָלט זי בולטער געוואָלט באַווײַזן זײַנע רויט צעפּעכטע ווימפּלען:

— אַזוי גאָר! און מיר מיט דער מאַמען ניט געבעטן?!

— דעם רב אויך ניט — לאַכט זי.

— לאַך ניט, מערקע — בייזערט ער זיך עפּעס — עס קען זיך שלעכט ענדיקן, קען זיך, הערסט!.. אַזוי זײַט איר הײַנטוועלטיקע, פּאָליטיקער, נאָר אין די זאַכן ווייס איך מערער פון אײַך, און די מאַמע אַפשר אויך!.. (זי איז גראָד אַרויסגעגאַנגען).

איז זי שוין געוואָרן ערנסטער, מערקע, אָנגעקוקט דעם טאַטן דורכדרינגלעכער מיט פאַרכמורעטע אויגן:

— וואָס?.. ס׳הייסט וויפל יאָרן גיי איך עס מיט אים אַרום, און וואָס איז עס פאַר אַזאַ פּראָבלעם... איך מיין, די וועלט וועט פון דעם ניט איבערגעאַנדערשט ווערן, צי מיר וועלן גיין אונטער די פיר פלעקענער פּליער אָדער שפּעטער אָדער גאָר קיין מאָל ניט...

האָט שוין הירשל אַזאַ שטאַרקן טאַך געטאָן מיט דער נאָדל אין האַנט, אַז עס האָט זיך אָן טיש צעבראָכן, און אַרויסגעהאַקט:

— אך!.. זאָלן שוין שדים מיט דיר האָבן צו טאָן!..

... נאָכדעם איז מערקע איינמאָל פאַרנאַכט געקומען צו לויפן מיט פאַרפלאָמטע באַקן, כאָטש דער פּראָטעסט איז גראָד אָפּגעצאַלן, און האָט איבערגעדרייט איר חדרל און איר קאָנאַפּע מיט דעם קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. זי האָט אַ פּעקל אָנגעצונדן אויף דער פּליטע און געברענט דאָרט אַזוי פיל צעטלען, פּאַפּירן און ביכלעך, אַז הירשל מיט דער ווײַב זײַנען צעטומלט פאַרוווּנדערט געוואָרן, — פון וואַנען האָט זיך עס אין דער צעדרום-

סקעצער קאַנאַפּע אַזוי פיל געגאָסען?.. פונקט ווי פּאָלקע וואָלט דאָרט צוזאַמען מיט זײַן ליבע פאַרבאַהאַלטן זײַנע אַלע געדאַנקען וואָס אין די ביכער... זײַן גאַנצע בילדונג... אַ קליין טעקעלע האָט נאָך טערקע מיט זיך מיטגענומען און פאַרן אַוועקגיין אָנ-געוואָגט מיט אַ מאַנסבילשער שפּרינגקייט:

— דערציילט קיינעם קיין מעשׂיות ניט וועגן פּאָלקען, טאָמער ס'וועט ווער פרעגן!.. — — —

און איצט קלערט הירשל: ווען מען פאַרגעסט ניט פּאָלקען, וואָלט זיך אים אפשר פאַרט אײַנגעגעבן אויסצופירן זײַנס... זיי וואָלטן דאָך סוף-כל-סוף חתונה געהאַט כדת... די חרפּה וואָלט ניט אַזוי גרויס געווען... פּאָלקע וואָלט מיט אים ניט אײַנגעריסן... און דאָס האַרץ פּלאַצט אים אויס, נאָכמאָל האָט ער אַלץ אָפּגע-לייגט דאָס רײדן מיט פּאָלקען! גאָר וואָס האָט ער מיט איר ברוך השם געקאָנט רײדן? ער האָט דאָך אפילו ניט קיין צוואַנ-ציק גילדן וואָס סע קאָסט מסדר-קדושין-זײַן... אפשר, ווען זײַן ייִדענע ליגט זיך אַרײַן אין דעם און ניט אַוועק מיט אַ געוואַלד צו אירע פאַרמעגלעכע קרובֿים... ליגט זי דאָך אָבער צו בעט מיט איר אייביקער גריפּע, און צי ווייסט זי בכלל עפּעס וואָס?

אין אָבער אַ טאָג געקומען, ווען די ווײַב האָט פּלוצים איבערגענומען דעם ענין אין אירע הענט. און דערשמעקט האָט זי עס מיט איר ווײַבעריש-באַגרענעצטן חוש-הריח גראָד דאַן, ווען עס האָט פון דעם געגוסען אָטעמען מיט ווײַבלעכקייט... מיט די פאַרוויאַניעטע רויטלעכע אָבער מוטערלעכע אויגן, האָט זי באַ-מערקט די אומנאַטירלעכע צעוואַקסנקייט פון טערקעס שטענדיק דאַרער פיגור... און איידער נאָך זי האָט רעכט באַוויזן די הענט צו פאַרברעכן און דערטראָגן די נײַעס ווי אַ צענטנערדיקע משׂא צום מאַן, וואָס איז גראָד אַרויסגעגאַנגען, האָט זי גלײַך נאָכדעם אין טערקעס צימערל געפונען אַ פאַרגעסן צעטעלע. צוליב דער מעשׂה מיט פּאָלקען האָט זי דעם צעטעלע געוואָלט פאַר-ברענען, נאָר די ייִדיש-ווערטער זײַנען איר אויך צו להכעיס אין די אויגן געקראָכן... און אַז הירשל איז אַרײַן, האָט זי קוים

באַווײַזן די גאַנץ פּרויסצונגסוואַלרעווען, איידער זי איז געפאַלן אין חלשות:

— מערקע פראַנט!.. זי קלײַבט זיך עס אָפּצושרײַבן!..

— וואָס?!.. וואָס באַלבעסטו?! שאַ! שאַ!..

... לאַנג האָט הירשל געמינטערט די קלײנע אײַנגעקנוילטע יורענע, איר מיט וואַסער געשפּריצט, געטרײסלט זי אויף די הענט ווײנע ווי אַ קינד, געפלויגן איבער די הײבערע גאָרנס פון די בריעט נאָך וואַלעריאַן, און אַז ס'האָט גאָרניט געהאָלפן האָט ער זיך דאַן אַליין געקליבן צו פאַרוואַרפן דעם קאָפּ פונקט אַזוי אויף אַ הינטער... ערשט דאַן האָט זי צעעפנט ס'מויל און זיך מיט אַלע זיך פרײסלענדיקע גלידער צעטענהט, ווי דער גאַנצער גוף אירער וואָלט אין מויל פאַרוואַנדלט געוואָרן:

— נחת אויף די עלטערע יאָרן, האַ!.. ער אין מורמע... זי מיט אַ ממזר אין בויך... צעשרײַבן וויל זי דאָס... לײען, הירשל... אַ צעטעלע האָב איך געפונען... אַ חברטע שרײַבט איר דעם אַדרעס... פון דאָקטאָר... נים איר עצות... אָפּעראַציע... געוואָלד, זי איז דאָך אַזאַ שוואַכע... וועט דאָס נים אויסהאַלטן...

— נו, געבוג, געבוג פאַר אײן מאָל! — האָט הירשל ציטערדיק אַרײַנגעטיפּט אין אירע האָריקע אויער-לעפּלען און צונויפלאָפּן שמאַרקער די מיר פאַרדריגלען — מיר זײַנען, דוכט זיך, געווינט צו קלאָגן, נײן?!... האַלט זיך אײַן!...

נאָר בײַ זיך באַשליסט ער מיט פאַרקוועטשטע פויסטן: אָפּשרײַבן וועט ער נים דערלאָזן!... ווײַל געדוכט האָט זיך אים, אַז מיט קלאָזעט שמעקט דאָס... אַ פּאַסירונג דאָ אין הויף געווען אַזאַ: יוליאַן דעם ברוקירערס מאַכטער האָט פון איר חתן, וואָס איז פון שווינדזוכט געשטאָרבן, אַ קינד געטראָגן, עס אין אָפּטרעט אַרײַנגעוואָרפן און ער, הירשל, האָט דאַן דער ערשטער זיך אָנגעשטויסן אויפן נעל פאַרבלוטיקטן שטיקל פלייש... און אַ גוואַלד אויפגעהויבן... צי ערוואַרט דען פונקט אַזאַ סוף דאָס קינד פון דעם גוטן פאָלקען און דער מאַכטער מערקען?.. און אפשר מאַקע יאָ?.. יוליאַ! דעם ברוקירערס לאַנג איז ערגער פון זײַן, הירשלס,

בלויז מיט דעם, וואָס יענעמס קעלערשטוב האָט צווײ טענצער לעבן בית-הכנסת און זײַנע — אײנעם...

און מערקע? זי האָט זיך מער אָפּגעגעבן מיט די געדאַנקען וואָס פֿאַלקע האָט אין איר פֿאַרפֿלאַנצט אײדער מיטן קינד... זי איז געוואָרן אַ טרײַע טעטיקע מיטהעלפֿערין אין דער אַרבעט, וואָס האָט געפֿאָדערט פֿון איר מער אויפֿמערקזאַמקייט פֿאַרן כּלל, ווי פֿאַר איר אײגן באַשײדן לעבן. דער עיקר איצט, ווען זי האָט באַדאַרפֿט לויט זײַנע פֿריערדיקע אָנווײַזונגען ערלעדיקן די איבער-געריסענע ענינים... זי איז נאָך טיילווײַז געווען פֿרעמדלעך אין דער זאַך... מען האָט זי מער ווי אַ סימפּאַטיקערין אויסגע-נוצט („פֿאַלקעס יאַטעכע" האָט מען זי גערופֿן). נאָר זי האָט גראָד געוואָלט, — אפֿשר טאַקע צוליב דער ליבע מיט פֿאַלקען — דעריאָגן און איבעריאָגן איר אָפּגעשטאַנענקייט... פֿאַרברענגענדיק אירע בעסטע יאָר צווישן פֿאַרטוכלינעטן קעלער-רוים, פֿלידערנדיק מיט שמילע חברטעס וועגן תּכלית און אַרבעט, האָט זי זיך איצט מיט פֿאַרשטײַפֿטע חושים און געדאַנקען אַרויפֿגעשלײַדערט אויף די צענדלינגער בראָשורן, ביכער און סאָציאַליסטישע צײַטונגען, וואָס פֿאַליע האָט זי איבערגעלאָזט. און דערפֿילט האָט זי דאָס נײַע לעבן, וואָס האָט אויפֿגעצאַפּלט אין איר מוטערבראַכט, ווי אַ וואַרעם פֿרילינגדיק שטראָם אונטערן אײַזורעק ווינטערצײַט, פֿונקט דאַן, ווען די נײַע געדאַנקען פֿון פֿאַלקעס ביכער און מויל האָבן אויפֿגעיוירעט אין איר מוח אין דער גאַנצער בולטער קלאָר-קײט... די לײַדן, וואָס האָבן זי דערוואַרט קעמפֿנדיק פֿאַר די נײַע אידעען זײַנען געווען פֿונקט אַזוינע שווערע, ווי די געבורט-ווייען פֿון קינד: טעמפּ באַשײַמטע, אָפּגעמאַטערטע און צוזאַמענגע-בונדענע מיט פֿונאַנדערצורײַסן...

און אָט דעמאָלט האָט דער טאַטע זיך צעלײגט קעגן איר נײַע פּלאַן, הײם-און שווער סורותדיק:

— מען דאַרף אָנשרײַבן אַ ביטע צו דער מאַכט, ווען מען לאָזן דאָרט אַ חופּה שטעלן... מען וואָגט, אַז ס'האָבן שוין פּאַסירט אַזוינע פֿאַלן, הא, מערקע?..

געקומען איז ער ערשט, הירשל, פון אַ פינצטערער „באַראָ־סונג" מיט זײַן משפחה־מענטש, דעם שוואָגער נאָטע... נאָטע איז אַ הײַנטוועלטיקער, אַ דרוקער, ווײס ער עפּעס אין די ענינים, אַהאָ! איז געבנדיק די עצה הירשלען אינדערפֿרי, האָט ער צונג־וואָנט מיטאָגצײַט זיך נאָך מער געוויילטרט ווען דעם דערווײַסן און אינאָוונט קומען מיט אַ פלאַן טיקט אין פּאַרטיק... דעריבער:

— זע, מײַן טאָכטער! — האָט הירשל באַרד געציטערט אַקעגן מערקעס שווערן אָפּעס ווי קענען ווינט — איך וויל אויף די עלטערע יאָרן קײַן חרפּות ניט האָבן, וויל איך ניט... און עבירות האָב איך שוין אויבעט געגונג... אויב מען קען דאָס מאַכן, מאָר מען דאָך ניט שווײַגן!.. פאַרלאָז זיך ניט וואָס חברטעס זאָגן דיר ווענן... ע... ווענט זיך פרן! הערסט, מאַך זיך ניט אומגליקלעך! טאָלקע וואָלט עס דיר אַלײַן אויך ניט מוחל געווען...

— הער, טאַטע — האָט מערקע געענטפערט מיט אַן אײַנגעקײַמטשט פאַרהאַרטעוועטן שטערן, אָבער מיט אַ ווייך קלאָרער שטים — איך האָב דיר שוין לאַנג געזאָגט, כ׳ווייס אַלײַן וואָס צו טאָן... ניט דײַנע עצות, ניט די חברטעס וועלן מיר שוין קענען העלפן, ס׳איז שוין בפֿילא שפּעט... ס׳איז נאַריש... ער וועט סײַ ווי אינגיכן אַרויס...

האָט זיך שוין די אַלטע אייך מבריח געווען, פון גריפּע־בעט אַראָפּגעקראָכן און דרייענדיק זיך אין דרײַען, אַרויסגעפאַלן אויף מערקען מיט דער נאָנצער קלעפּיקער שווערקייט פון איר אין שפּאַנטעס אײַנגעוויקלטן גוף:

— טו דאָס ניט, דו הערסט, טו דאָס ניט! איך אַלײַן וועל דיר צ ווען... פאַרפאַלן, וואָס קען איך טאָן צו מײַנע קלאָגן... אַז דער אייבערשטער האָט אָנגעבאַבמעט, איך זאָל אַן אייניקל האָבן, ניט ווי ער האָט געבאָטן... — און ברעכנדיק דעם הויפן פינגער אין אַלע זײַטן, האָט זי זיך נאָך נידעריקער אַראָפּ־געבויגן צו מערקען:

— דו האַלטסט, אַז מען קען זיך אויף אים פאַרלאָזן?.. צי ער וועט אַרויס, וועט ער מצקע התונה האָבן?.. ניי גלייב דאָס אויף הײַנטיקע בחורים!..

— אַ סוף, נעמט צו דרייען אַ קאָפּ, — האָט זיך שוין דאָסמאָל הירשל אַרײַנגעמישט מיט כּעס, — דו ווייסט דאָך נאַרישע וואָס דו רעדסט! הלוואי זאָל ער שוין נאָר אַרויס... ער וועט אונדז, דוכט זיך, אַלעמען פֿאַרשטאָפּן די מײַלער!..

און מערקע — זיך ווישנדיק דעם שווייס פֿון שטערן, צוליב די ערשטע מעוברת־סימנים, רופֿט זיך אָפּ אין דער שטיל ווי צו קיינעם ניט, נאָר צו איר אייגן צאַפּלענדיק האַרץ:

— ניין, הערצעלע זײַ... אַז עס האָט אונדז עפּעס שטאַרקער פֿאַרבונדן, ווי אַ רינגעלע... — — —

ערוואַרט הירשל מיט דער ווײַב דאָס אומגעזעצלעכע געבורט, פּונקט ווי זיי ערוואַרטן ווײַטערע אַלע קלאָגן: די אַרבעטסלאָזיקייט, הונגער, טובלינע, די גריפּע און דעם ווינטער... נאָר אין דרויסן פֿאַרנעמט זיך עס איצט אויף ערבֿ פֿרילינג. אין די ווײַסע, ווייך שטילסטע נעכט הערט זיך, ווי ס'צעברעכט זיך דער אײַז אויף די דערבײַיקע פּיס־אויערס... די רינשטאָקן אַרום ווערן פֿול מיט פֿליסנדיקן וואַסער־געריזש... עס פֿאַרבלאָנדזשען דאָ אין קעלערשטוב עטלעכע דינינקע שטראַלן, ווי לאַנגע גוט אָפּגעשניצטע קינעלעך, וואָס באַלײַכטן געל דעם רוים, וואָס ברעכן זיך אַדורך דורך דער פֿינקלענדיקער, טאַנצנדיקער נעדעלע אין הירשלס שנײַדערשע הענט...

דאָן איז איינמאָל אין קעלערשטוב אַן אומבאַקאַנט מיידל אַרײַנגעקומען; אַ שוואַרץ־חנעוודיקע, אַ הויך שלאַנקע און אַזוי שטאַרק ענלעך צו פֿאַלקען, אַז הירשל האָט אויפֿגעציטערט: אפֿשר איז עס טאַקע פֿאַלקע אין אַ קליידל פֿאַרשטעלט פֿון דאָרטן... אָפּגעצויגן?.. נאָר זי כאַפּט זיך פֿאַר: פֿאַלקעס שוועסטער איז זי, פֿון שטעטל געקומען צו פֿאָרן; זי האָט מיט איר אַ ווענג געהאַט; ער איז געזונט און פֿעסט און געבעטן האָט ער זי, אײַנאָרדענען זײַן מערעלען אין קליניק... געלט האָט זי... און גערופֿן האָט ער געשיקט פֿאַר אַלעמען הערציקע — — —

איז שוין דאָ אַנומלט הירשל מיט דער ווײַב אין קליניק געגאַנגען, די טאָכטער מיטן אָקערטן געבוירענעם אייניקל געזונטע ווערן. אונטער אָרעם האַלט ער אַ קליין פּעקעלע מיט

איינגענג אויף דער מאַשין אָפּגעשטעמפּלט העמדעלעך, ווינדעלעך;
עפּעס אַ שטיקל רויטס שטעקט אַרויס פֿון פּעקל — דאָס האָט
זיך בײַ אים פֿאַרוואַלגערט אונטערשלאַק פֿון אַ רוסישן פֿאַר־
מלחמהדיקן אָפֿיצירישן שינעל, האָט ער פֿון דעם אַ קאָמפּעטערל
אויסגענייט, חכמהנענדיק זיך מיט דער ווײַב:

— אונדזער איינוקל, זעט דאָס קליידן...

עס איז אים איצט, הירשלען, גרינגער אויפֿן האַרצן געווען,
פּונקט ווי ער גופֿא וואָלט נאָכן קיבעטס געווען... אַ היבש ביסל
האָט אים באַרויקט דאָס אַרויסשטײַגן פֿון מאָליעס שוועסטער.
אויב אַזוי — שישקעט ער זיך מיט דער ווײַב — דאַרף מען
אונדז דאָך פֿאַר כּם תּנים!..

ער איז מיט דער ווײַב אין פּאַלאַטע אַרײַן. אין אַ ברײ־
טער בעט, צווישן אַ באַרג ווײַסצײַג און קישנס, האָט זיך קוים
אַרויסגעהעלט מערקעס קליין בלייך פּנימל מיטן גוף, אַן אַבגע־
דרייטס, ווי בײַ אַ קינד, ווי זי איז נאָך דאָ נאָר נים לאַנג גע־
ווען. נאָר אינעם ווינקל פֿון איר אויסגעבוינעטס קערפּער האָט זיך
איצט ווערעמדיק געדרייט און געבוליעט אַ נײַ געבוירן קינד גרייט
ווי זײַן שנײַדערשע שער...

די אַלטע האָט זיך אַרויסגעוואַליעט מיט איר צעקנײַדערטן
גוף אויף דער וואַנט און זיך צעהעסטעט, צעשאָקלט, ווי זי וואָלט
שמונה־עשרה געשטאַנען... ווי זי וואָלט דעם פּנים געוואָלט באַהאַלטן.
הירשלען האָט עפּעס אויך מאַרקוועטשעט אין האַרצן אי פֿון טרײַד,
אי פֿון רחמנות און צער... שמילינקערהייט אויף די ציפּקעס, ווי
אַ חדר־יינגל, איז ער מיט אַ פֿלאַטערדיק בערדל צוגעגאַנגען
צום בעט און זיך אַראָפּגעבויגן צום נײַ געבוירענעם. ער האָט
געציטערט אָנצורירן מיט די הענט דאָס ווײַך כראָמשקעדיקע
ראָזע גופֿל; כּמעט אײַן קוש האָט ער עס געוואָלט געבן... נאָר
ער האָט זיך באַגנוגנט נאָר מיטן שמעקן... געשמעקט, געשמעקט
און שמייכלענדיק זיך פּלוצלונג אָפּגערופֿן צו דער מאַמע:

— וואָס זאָגסטו, מערקע, צו דעם, ערשט געבוירן און
ס׳הערט זיך שוין פֿון אים מיכלינע, ווי פֿון קעלערשטוב!..

— ס׳קען ניט זײַן, טאַטע, — האָט מערקע שפּיל און ניט גערן איט געענטפערט, — דאָס הערט זיך מסתּמא פון דיר אַלײן, איט האָט מען דאָך ערשט פריִער אויסגעבאָדן...

— גאָרעלע, דאַרפסט זיך גאָרניט שעמען מיט דעם, — האָט הירשל צערטלעך און גלעטנדיק זיך די באָרד גערעדט, — איך בין דאָך שטאַרק צופרידן, וואָס עס הערט זיך פון איט סובלינע... דאָס איז דאָך אַ סימן, אַז נאָך אַלע מעשיות איז עס דאָך מײַנס אַ בשר אײניקל, ווײַל די סובלינע איז דאָך אונדזער ריח, דער ריח ברוך השם פון אונדזער קעלערספּוב, דער ריח פון פרעמקײַט...

פײַוול דער גלעזער

אַ גאַנצינקן טאָג האָט פײַוול דער גלעזער געטאַפּערט באַ־דוטאַיענדיק זיך אינעם פּירהויז פון קאָנטאָרקע בײַם קריסטלעכן פּושט־וקנים „פּשיבולעק“, כּדי אָנצונעמען דאָס שטיקל אַרבעט פון אָנגלאָזן די טערציק לעכט־פענצטער אינעם נײַעם סטײַרל. און וואָס? עס האָט זיך, דוכט זיך, אויסגעלאָזט אַזוי פּאַסקודנע, ווי „עפּרויקע די ציג“ פלעגט זאָגן, און ווי „זאַווקע די שטיק פלייש“ און ווי „סאָטיע דער בעזונאָס“, בעת זיי פלעגן מיט די קלינגענדיקע האַנטקעטשלעך אויף די קאַרקעס פאַרבײַגײַן די נײַע פּאַסטראָיקע און די נײַ אָנגעגלאָזטע פענצטער־ראַמען פלעגן זיי אויסשטעכן די הונגעריקע אויגן:

— ב'איז מיר אַ כּעוס אין פּוס מיט די אַרבעט!

— ס'איז טײַ ווי ניט פאַר אונדז, יידליקעס...

— אין אַזאַ אָנטעטעבעטעשער צײַט...

אפילו „איטשקע די קאַטאָסע“, דער הויכער דראָנג, דער קײַטער פון די גלעזער, וואָס ווען אים זאָגט מען, אַז איידער נאָך מען ברעכט אויס אַ שויב ערגעץ אויף דער צוויאַנציקסטער גאַס, שטייט ער שוין דאָרט מיט אַ פענסטער אין זײַנע לאַנגע הענט און נעמט אַ מאָס — ער האָט איצט אינגאַנצן אַ פאַרשפּילטער גע־קאָלופּעט זיך מיט די גראָבע שוואַרצע נעגל די גרויסע שטיק נאָז זײַנע ווי אַ בערנע, און געפּרוווט שטילן דעם כּעס אין זיך, הויכשענדיק דעם אַלטן פײַוול:

— נו וואָס, פײַווינקע, איר'ט דאָך געזאָגט, אַז „פּשיבולעק“ איז אַבערס, אַז דער פאַרוואַלטער איז אַבערער אַ מענטש... און נאָכמאָל רוקן מיר זיך אַבי אין די אויגן... אפילו שותּפֿות האָט

איר דאָך ניט געוואָלט, האַ! איר, פערדישער ייד... האָט מען עס נאָר אוועקגעגעבן א גוי! עטע!... און איצטער האָט ארויס-געשטעקט צו שפּילן ווי צו א באַנאַרישט קינד זײַן לאַנג רויט צינגל, ווי א געמינעוועטע שטיקל קיב...

פּיוול איז געזעסן מיט דער מאָרדע אָנגעשפּאַרט אָן האַנט-קעסטל, ווי א וועלנער אויפן ביקס און נאָרניט געהאַט ברעה צי-געמסערן און ווערן קוצעניו-פּוצעניו מיט דער קאַפּאָטע, מיטן בעזאָם, מיט דער ציג און מיט דעם שטיק פלייש. כאָטש זי-

האָבן זיך געמאַכט פאַר אַזוינע אומשולדיקע ייִדישע נעבעכלעך און אַז קלאַמפּערשט די אַרבעט איז ניט פאַר זיי, האָבן זיי פונ-דעסטוועגן אויך דערלאַנגט אַפּערבעט, זיך געקימטן קאָנקורירן מיט אים, מטוולען. ערשט, אַז מען האָט אַלעמען אויסגעשטעלט מיט די ייִדישע נעזער און דער געהילפֿס-פאַרוואַלטער האָט געגעבן אָנצוהערעניש, אַז אַ „נאַט בראַט" האָט זיך דאָ ניט וואָס צו רוקן, זיינען זיי געוואָרן סילאַבאָסן...

אָ, ייִדישע גלעזער וויסן שוין צו גוט, אַז כמאַיסניעוויטש, דער אַלטער פאַרוואַלטער פון „פּשיטולעק", שטאַמט נאָך פון די אַמאָליקע פּוילישע פּריצים, די פאַרמלחמהדיקע, וואָס פלעגן האַלטן האָבן צו זאָגן אָנשטאַט „זשיד — בטאַראָזאַקאָני"; וואָס האָבן געמאַכט מענטשן ניט-נאָכן נאָז, נאָר נאָכן האַרצן און וואָס פלעגן אָפּגעבן גלעזער-אַרבעט יענע הענט, וועלכע פלעגן קענען אַזוי בלישטשענדיק אָנגלאָזן און פאַרקיטעווען אַ פענצטער, עס זאָל ווי אַ שפּיגל אויסזען — אָט ווי, לטבל, פּנוולס הענט!.. די צרה איז, וואָס טמאַזשניעוויטש איז איצט קראַנק, מען זאָגט געפערלעך קראַנק; ער ליגט ערגעץ אין איינעם פון די פּליגלען אינעם „פּשיטולעק"-בנין און מען לאָזט צו אים ניט צו. זינט ער האָט פאַרנומען אַ יונגער שפּיץ פון די היינטצייטיקע נבוכדנצרס, וואָס קענען אַ ייִד אויפן אויג ניט אַרייַנלאָזן, און ער האָט עס אַלץ אָנגעמאַכט...

איז ער, ער, דער בלאָנדער געהילפֿס-פאַרוואַלטער מיטן ברייטן שאַרף קינבאַקיקן פּנים ווי בײַ אַ קאַלטיק, מיט די פּאַטאַווע פּיטשינקע אייגעלעך און ווערעמדיקע וואָנצעס, האָט זיך עס גע-מאַכט קאַלט ווי אַ שמשאַוויע אויף פּנוולס אַלע פנות:

— ס'שמעקט, איך אַרבעט דאָך דאָ שוין אַ שאָק מיט יאָרן! איך קען דאָך דאָ אַלע זקנים מיט די זקנות אויף די גאַסן און זיי מיר! און טמאַזשניעוויטש איז דאָך פאַר מיר דעם לעבן!..

— טאַק, טאַק, מאָזשע ביטש — האָט דער געהילפֿס-פאַרוואַלטער געזאָגט — לעפּיע יאַ פּאַנאַ ניע זנאַם!..

— טאָ זאָל ער זיך נאָכפרעגן...

— וואָס?! — האָט דער געהילפֿס־פֿאַרוואַלטער געקריצט מיט די ציין — ער וועט זיין באַטרויזקן דעם חשובֿן חולה צוליב עפּעס א, ב, ג... — און ער האָט אויסגעשפּשירעט מיט די ליפּן דעם אָנהייב פֿון אַ „ווסע"...

— וואָס באַהיט! דעם חולה ניט באַטרויזקן! דאָס וויל איך ניט. — ווי אַזוי קען מען עס אויסקלערן אויף מיר אַזאַ זאַך — האָט פֿײַוול שיר זיך ניט געוויינט פֿאַרן געהילפֿס־פֿאַרוואַלטער...

מיט די איבעריקע ייִדישע גלעזער האָט שוין דער געהילפֿס־פֿאַרוואַלטער בכלל ניט געוואָלט ריידן; פֿון יוצא וועגן האָט ער געהייסן דערלאַנגען אַפּטערטעס... זײַנען זיי אָפּגעזעסן, די ייִדישע גלעזער, אין פּירהויז פֿון קאָנטאָרקע אַ גאַנצינקן טאָג, אָנגעבן ניט געגעסן, נאָר געפּרעסן די פֿערציק לעבער ניט אָנגעגלאָזטע פֿענצטער אינעם קעגנאיבערדיקן מויער. ווי בינען אַרום האָניק זײַנען זיי אַרומגעקראָכן לעבן די פֿריש אָפּגעשמידטע ראַמען אָקערשט פֿון סטאָליערס הענט אַרויס און מיט שוים אין מויל געטאַפּט, געטאַפּט. עס האָט געקאָכט אין זיי דאָס גלעזערשע הייסע בלוט, אויסגעבענקט נאָך אַרבעט, ווי אַ חיה נאָך פֿלייש צום פֿאַרצוקן. — געוואַלדינקעס! ווען מען לאָזט עס זיי צו צום בנין... ווי די האַלעטײַנעס צו הייסע לאָקשן וואָלטן זיי זיך צוגעכאַפּט און אָנגעגלאָזט עס אין עטלעכע מינוט, ערנוואָרט!

נאָר ניט פֿאַר זיי איז עס, דוכט זיך... דער געהילפֿס־פֿאַרוואַלטער זיצט איצט פֿאַרשפּאַרט אין קאָנטאָרקע מיט עפּעס אַן אויסגעפּוצטן פֿראַנט אין אַ שניפּסל, אַ קריסט. פֿײַוול וואָלט געשוואָרן בײַ אַ ריניקײַט, אַז ער איז גאָר קיין גלעזער ניט, נאָר וויל סתם צופּלעקן אַ בײַנדל, און וועט זיכער ניט לאָזן אַזוי וואָלוול די אַרבעט ווי ער, פֿײַוול. אָט דאָס איז די מעשה, וואָס דער געהילפֿס־פֿאַרוואַלטער אײַלט זיך ניט מיטן פֿאַרטרײַבן די ייִדישע גלעזער. ער וויל אָפּנים אַ ביסל פֿאָרט אַראָפּקוועטשן פֿון יענעמס געפּעטערטן פּרײַז, עס זאָל אַזוי ניט רײַסן די אויגן...

נאָר אַז עס איז געוואָרן פֿאַרנאַכטלעך און קיין קלאָרן וואָרט האָט מען אַלץ ניט געהערט, האָט זיך דער ערשטער געשטעלט „איטשקע דער דראָנג". ער האָט אַ כראַקע געטאָן מיט

אַ פֿעסטער שטיק געווינטער טאַבאַק־לײַבעך אָן דר׳ערה, אַ הייב אויף געטאָן די האַנטקעסטל אויף די פּלייצעס און אַ זאָג געטאָן צו אַ זײַט פֿון זיך:

— מײַנער פּראָבקעס אַוועק... איך װעל דען ניט, אַז מען קען דאָ אַ ייִדן אויסן צורה ניט אָנקוקן...

נאָך אים האָבן זיך אויסגעשטעלט די אַלטע גלעזער מאַטיש, זאַווקע און עפֿרויקע, איינער נאָכן אַנדערן מיט די האַנטקעסטלעך אויף די רונד אײַנגעהויקערטע פּלייצעס, ווי אַ קאַראַוואַן פֿון קעמלען:

— לאָמיר גיין! יאַבסאָל זאָלן מיר דאָ הײַנטיקן!

— געפּאַטערט אומזיסט און אומגיטס אַזאַ טאָג!.. געקענט ערגעץ אַנדערש אַ יאָרדע פּאַקן... — אַז מען שמועסט אַן אַנטיסעמיטישע צײַט, איז דאָך ניט שייך... און ווי די קאַטאַרינקע־שטשיקעס פֿון אַ שלעכטן הויף ווי מען וויל אַפֿילו דעם אומזיסטן האַרצרײַסנדיקן שפּילן ניט אויסהערן, זײַנען די אַוועק צוויי־אַרטיקע האַרטע, בײַטערע פֿרעקלעך רייד צו סטוולעי, וואָס איז אַלץ געווען אָנגעשפּאַרט אויפֿן האַנטקעסטל, מיט זײַן גרויע פּנים און קאַפּאָטע, ווי אַ באַרג אַש...

— ער פֿלײַבט, ער בלײַבט דער ניט־דאָגעדראַנגט... זאָגט „דער דראָנג“.

— מיטן אים באַלד געבן אין מאַרדע אײַן אַרויסוואַרפֿן — זאָגט „די ציג“...

— ער ושאַלעוועט ברוך השם זײַן אַלטע שטיקל פּקאָרינקע — זאָגט „די שוואַך פּלייש“.

— ער ושאַלעוועט דער משוגענער — בעבעט „דער בנואָס“ — ער וועט באַלד דאַרפֿן ושאַלעוועט זײַנע וועבערס... הייבט זיך אָן מיט אַנטשטעבעטן...

אַז סטוהל האָט זיך עס מיט אַ צעפּלאָצטן בײַדל אויפֿגעשטעלט און גענומען כמאַליענען מיט די הענט אין דער לופֿטן און מיטן מויל:

— הערט זיך אײַן! זאָלן אײַך פֿאַר מיר אײַערע „צעבעדס“ ניט צעבראָכן ווערן!.. איר אַליין האָט דאָך פֿון מיר געוואָלט אַרויסרײַסן מײַן אָרט ווי איך אַרבעט אַ גאַנצן לעבן, איר אַליין!..

פאַ מיט וואָס זײַט איר ערגער פון שלעכטע גוים?.. און נאָך עפעס זאָלט איר וויסן זין, חכמים: אַז ניט אַלע גוים זײַנען שלעכטע, איר הערט, ניט אַלע!.. ווען איך טרעף דאָ נאָר פײַן סטאַזשניעוויטשן און זאָג אים אײַן וואָרט, וואָלט איר שוין אַלע צווישן מיטן נוי זיך באַראַטן אַפטראָגן... הלוואי זאָל אים דער איבערשטער העלפן און ער זאָל געזונט ווערן... — האָט שוין פּײַוול געזאָגט שטילער צו זיך אַליין, ביז אַ קרעכץ...

בײַ פּײַוולקן איז איצט נעגאַנגען ניט אין דער שטיק אַרבעט, נאָר אין אַמביציע... ביטעטע! די גאַנצע שטאָט גלעזער האָט דאָך געוווּסט, אַז אויף „פּשיטולעק" האָט נאָר ער, פּײַוול, די חזקה... אפילו דער בעקער מיטן קרעמער פלעגן אים געבן אויף באַרג ווינטערצײַט, ווען אין פאַך איז יום-כיפּור, בלויז אויף פּײַוולס אײַן שטאָלצן וואָרט...

— כ'האָב היינט גערעדט מיט סטאַזשניעוויטשן... עס יאָווע זיך אַרבעט אין „פּשיטולעק"...

און באמת: די דאָזיקע קריסטלעכע פילאַנטראָפּישע געזעל-שאַפט פאַרמאָגט די שיינע עלטערע פירגאָרנדיקע מויערן, וואָס פאַרנעמען אַ גאַנצע גאַס, מיט ריזיקע סאַליעס פאַר אָרעמע זקנים און זקנות און איינצלנע פאַר פאַרמעגלעכע. דאָ געפינען זיך די באָד, דאָס קלויסטערל, די קיך, די וואַרשטאַטן פאַר בעל-מלאכות און דאָס מתים-שטיבל — אַ שטעטל פאַרן אַלטן דור... פאַרנײַט נים אַ טאָג, עס זאָל ערגעצוו אין אַ פענצטער אַ שויבל ניט פּלאַצן, אָבער דער סטראָוש צו פּײַוולען ווי צו אַ דאָקטאָר, וואָס היילט דעם אַלטן קראַנקן בנין. לויטס פּײַוול העגדוס-פּאַנדוס, ווען עס נייט אפילו אין צען גראָשן... אפילו ווען ס'איז אין רעכנטער יעסיען-צײַט און די גאַס שטעקט מיט קנאַקעדיקע פאַרדינסטלעך... עפעס האָט ער געפילט אַ בלוטיקע נאָענטקייט צו די אַלטע פענצטער, צו דעם פאַרטוכליעטן אײַנגעזעסענעם רויט, וואָס האָט געשטעקט מיט אַ גרער וועלט, אַ צו אים געענטערע לויט די יאָרן, ווי די טומלעדיקע אין דרויסן... די גוייקעס מיט די נויטלעך שפּילינקע און נידעריקע ווי די מצבות, האָבן זיך מיט פּײַוולען געקענט אַרום און אַרום... אייגע די אַנדערע דערציילט בײַ זיך

וועגן די מחלות. מען טאַפּט זיך אין די האַרטע ביינערדיקע ווענט, אין די זייט, אויסגעפינענדיק וואָס אַזוינס ס'איז רעוומאַטיזם, וואָס — אַ קראַנקער לעבער און וואָס — מערידן... מאָטל פלעגט זיך אומזיסט צוזינגען טעבעלעך צו די הייליקע בילדלעך, גוט באַ-שלאָגן, פּאַרקיטעווען, אויסווישן, און ווער ס'פּלעגט צוליב שוואַכ-קייט צום בעט ליגן, האָט ער ס'בילדל אַליין אויף אויף דער וואַנט, קוקנדיק פון ווייטן צי ס'איז גלייך...

אַמאָל גייט מאָטל אויף „אינספּעקציע“ צווישן מיט סטאַזשניעוויטשן בכבודו ובעצמו אַרום דעם ריזיקן בנין, אַז עס זאָל קיין שפּילקע-לעכל ניט זיין אין די זקנישע פענצטער. ס'איז דאַן, ווען עס יאָווען זיך די ערשטע שניילעך. די ערשטע פּרעסטלעך פּרווון שטיפעריש אויסשטידן דורכזיכטיקע בלומען אויף די שויבן.

שטייען עס אַזוי מאָטל מיט דער קאַפּאָטע, מיט דעם בלאָ-פיקן בערדל און מיט דער ליניע אין האַנט, און סטאַזשניעוויטש מיטן פּריצישן שוואַרצן שטאָק, מיט די מאָנטערן און מיטן גרויסן ווייך קניישיקן פּנים, — ווייזט מען זיך אָן איינער דעם אַנדערן מיט ליידנשאַפטלעכן אינטערעס:

— אָן, דאָרטן דאַרף מען ציקיטעווען... דער ווינט שפּאַרט אַריין... זיי וועלן זיך ציקילן...

— און דאָרט דאַרף מען אַ ווינקעלע, עס וועט אַריין מיט שניי... זיי וועלן אַ גריפּע חלילה קריגן.

און אין קאַנטאָרקע נאָכדעם זיצט מאָטל קעגן סטאַזשניע-וויטשן ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן דאָקטאָר, וואָס האָבן ביידע פאַרהיט אַ קראַנקן גוף פון טויט... סטאַזשניעוויטש איז מכבד מאָטלען מיט אַן שמעקעדיקן פּאַפּיראָס. מאָטל שלעפּט אַרויס פון צווישן די נעצבענע אַן אויסגעפּיאַטשקעטע ציגר-טאַשינקע און ענטפערט מיט פייער... פרעגט סטאַזשניעוויטש מאָטלען, צי האָט ער שוין חתונה געמאַכט די טאָכטער זיינע, מחמת ער קען זי. זי איז דאָ אַמאָל געווען דערציילן, אַז דער טאַטע איז קראַנק, קען ניט היינט קומען אַ שטיבל אַריינשטעלן, און זי איז ווייער אַ חנעוודיקע „פאַניענקע“... ענטפערט מאָטל, אַז דערווייל ניט, נאָר אַז נאָך

וועט געבן — וואָלט ער זיך ווינטשן צו האָבן דעם טייערן פאַן טמאָשניעוויטש צווישן די תחינה-נעכט... אאַז"וו.

און איצט... עס שטייט לעבן אים דער ניט אָנגעגלאָוטער בנין אָן וועלכן ער וואָלט געקענט פאַרדינען עטלעכע גילדן כאָטש איינמאָל אין אַ יובל, און ניט ווי שטענדיק די גראָשנדיקע „ווינקעלעך"; די פיסטע פענצטער-ראַמען קוקן דורכט זיך אויף פּאַוועלען מיט ווילדער פאַרצער ליידיקייט און פרעגן אים: „נו, וואָס וואַרטסטו, נאַר? טו מיט אונדז דיין רעכט"...

דער געהילפס-פאַרוואַלטער מיטן קריסטלעכן האַלבן גלעזער זיינען שוין אוודאי לאַנג אַוועק דורך אַן אַנדער טיר, מיטן ער-ליידיקטן ענין, זיך אַפילו ניט אומקוקנדיק צו די יידן וואַרטן. ענדלעך האָט זיך פּאַוועל אַן אָנגעבראָכענער אויפגעשטעלט און אויך גענומען גיין, צום לעצטן מאָל וואַרטנדיק זיינע הייסע מידע אויגן אויפן הויף און אויף די בנינים, אַרום וועלכע ער האָט זיך אַרומגעשפּאַרט אַזוי פיל יאָרן. נאָר ווי זיינע געדאַנקען האָבן זיך ניט שווער וואָניק באַוועגט, האָט זיך אים אַלץ ניט געוואָלט טראַכטן וועגן יענץ, וואָס זיינע חברים האָבן פריער דערמאָנט און מיט וואָס די צייט קאָכט... „רבונו של עולם! וואָס פאַר אַ כוונות קען דען מיט דעם האָבן אַ שטיק טייער, אַ פענצטער, אַ שטיבל" — טראַכט ער. האָבנדיק לאַנג צו טאָן מיט אַזאַ קריסט ווי טמאָשניעוויטש, האָט פּאַוועל ווי אַ טויש-געווינטער מענטש, וואָס פאַרקערט דורכויס מיט געווינטע, ניט געוואָלט אָנערקענען יענע מגיפה אַנטיסעמיטיזם — פאַר וועלכער די אַנדערע יידן האָבן מיט אָנערקענונג אין הבנה אַזוי די קעפּ געבויגן. ער איז פאַרביינגענגען דאָס מתים-שטיבל, אַ ליכטל האָט דאָרט געברענט אין דער ברוינער טונקלקייט. אַ מת איז אוודאי געלעגן. פּאַוועל האָט שטאַרק חשק געהאַט זיך צו דערוויסן, ווער? אפשר דער אַלטער יאַן, וועלכער האָט שוין לעצטנס קוים די פיס געשלעפּט, אפשר מאַכשיי, וועמען ער האָט נאָך מיט אַ חודש צוריק געהאָלפן פון בעט אַראָפּקריכן בעת ער, פּאַוועל, האָט אין דער טאַליע געגלאָוט. ער וואָלט אַריין אַ קוק טאָן, נאָר אַ קשיא אויף

אַ מעשׂה: דער געהילפֿס־פּאַרוואַלטער קען אים דערזען און פאַ־ קאַרטען דורכטרײַבן...

ער איז די באַד פאַרבײַגעגאַנגען. אַ שטיב האָט זיך קוים געהאַלטן, דער קלענסטער ווינט וועט עס אָן דר׳ערד אַ טשאַליע טאָן. סמאָושניטעוויטש וואָלט עס אַוודאי ניט געלאָזט... ער איז שוין באַלד בײַם טויער געווען. די נאָז האָט געשוווּנקען אַנטקעגן מיט איר ברייטער שפּייניקײַט און שפּרענגקײַט, דערבאַרמט נאָך מער פּגולען אָן זײַן שפּלען צושטאַנד. נאָר אַז דערזעט ער פּלוצים, פון איין פענצטער קוקט צו אים אַרויס — אַ ווײַסער קאָפּ האָר, אַ לויטערער ווי אויסגעצוואָגענער פּנים און טיף בלויע אויגן, ווי בײַ „יענעם" אויפן הייליקן בילד... „פאַן סמאָוש... פאַן סמאָושניטעוויטש! — האָט פּלוצל אויסגעשריגן און ב׳האַנטקעסטל האָט זיך פון ווײַטע הענט אויף־דר׳ערד אַרויסגעגליטשט. ס׳הײסט האָט ער אויסגעבאָן און דעם קאָפּ פאַרנײגט. און סמאָושניטעוויטש ווינקט צו אים, שמײכלט, ער זאָל צוגיין, אַרײַן. פאַר־ שטײט עס ניט פּלוצל, גלייבט עס ניט, ווי אין אויסדרוקטעניש, און קראַצט זיך אין פאַרלעגנהײט די באָרד. רופט אים שוין אָבער סמאָושניטעוויטש מיט אַ פינגער, ענטפערט פּלוצל אויך מיט אַ פינגער, ב׳הײסט: איך?.. אַרײַן?.. כאַפּט יענער: „יאָ, יאָ"...

... איז ער געשטאַנען בײַ דער טיר פון׳ם סירקאַנטיקן, פריי־ ציטן צימער, געשמעקט דעם ריח פון רפואות, קאַרבאָל, וואַרטע־ ניע און געציטערט אַ טראָט צו שטעלן. כאָטש געוואָלט האָט זיך אים צולויפן צו סמאָושניטעוויטשן, אַרומכאַפּן אים, ווי אַ ליבן פרײַנד... סמאָושניטעוויטש איז אין בעט געזעסן, צוגעדעקט ביז העלדזס, עס האָבן זיך אַרויסגעזען בלוי און שאַרף, ווי קינדלעך, די ריפּן פון זײַן בלײכן לײַב. דער קלײנער קאָפּ מיט די שיי־ טערע ווײַסע האָר ווי וואַטע האָט זיך קוים געהויגט אויף צוויי גראָבע אָדערן אָנשטאָט אַ האַלדז. פּלוצלינג האָט אַ ווײטאָג אַ טראָנטשע געטאָן בײַם האַרצן: אַ קלאָג צו מיר! איז שוין טאַקע נאָך סמאָושניטעוויטשן? — האָט ער זיפצנדיק געטראַכט.

נאָר דער קראַנקער קוקט אויף שמוּלען, מיט אַ מידער ליבלעכקייט ווײַזט ער אָן אויף אַ שטול, און זײַן קאָפּ, וואָס באַוועגט זיך פֿון שוואַכקייט אין דער קווער, ענטפֿערט שמוּלען: ניין, ניין, ניין... און פֿרעגט אים: וואָס מאַכסטו, שמוּל, אַרי-בעטסטו? פֿאַרדינסטו? האָסטו שוין אָנגעגלאָזט אונדזער נײַעם שטערל?..

שמוּלען האָט אין האַלדז עפּעס געוואָרגן, ווי מען וואָלט אים אַ שטיק קים אַרײַנגעשפּאַרט...

— נו, פֿאַרוואָס שווײַגסטו, שמוּל, איך פֿרעג דאָך דיר... און פֿאַרוואָס ביסטו מיר נים געוואָרע ווערן געקומען?.. דו אַרבעטסט דאָך אַרום בײַטרל אַלע טאָג בכּתפֿא, וואָלסטו דאָך אַרײַנקומען געקענט — און ער כאַפּט זיך פֿאַר אַ זײַט אַ פּאַרקריסטער, מיט עקשנות, גרייט צום הוסטן...

— פּאַן סמאָשניעווסקי! — האָט שמוּל געשריִען האַרציק און געבראָכן זיך דעם בינטל פֿינגער פֿון די הענט ביז ווייטאָג — איר זײַט דאָך אַזוי קראַנק! גאָט זאָל אײַך העלפֿן געזונט ווערן... איך וואָלט געקומען אײַך געוואָרע ווערן, ערגעוואָרט... איך האָב זיך בײַ אַלעמען נאָכגעפֿרעגט, איר זײַט דאָך אַזאַ גוטער מענטש...

— אַלע דאַרפֿן צו נאָכן משפּט קומען... די גוטע, ווי די שלעכטע...

— און וואָס טוט אײַך ווי?.. כ'מיין, וואָס דער דאָקטער זאָגט, — האָט שמוּל שווער געקליבן פּאַסיקע, ווייכע ווערטער מיט דער שווערקייט פֿון זײַן פּויליש ריידן, פּונקט אַזוי ווי ער קלײַבט שוין אָן „בראַקן" אין פּאָלירטע ראַמען אַרײַנצו-שטעלן...

— עך, אַלץ טוט ווי... אַלץ... פֿון פֿינגער ביזן קאָפּ — און ער האָט גענוסען מיט אַ פֿולן שטיקנדיקן מויל אַרײַנהוסטן אין זײַנע בלוילעכע ציטערדיקע פֿויסטן...

שמוּל האָט זיך דערשראָקן, געציטערט און שטושטש זיך אָפּגערוקט פֿון בעט. „איך פֿאַרמאַטער אים, — האָט ער מיט כעס צו זיך געטראַכט, — איך בין אַ נאַר, מען דאַרף אים

צו רו לאָזן, אַזאַ חולה, און איך פֿלוירער... און עס הערט זיך
פֿון מיר קים מיט פּאַקאַסט, עס שטיקט אים אין האַלדז"...

פּליצלינג איז די פֿליגערין אַרײַן. זי האָט זיך מיט פֿולע
הענט פֿאַרקאַכטנס איבערן חולה איבערגעבויגן. מבוול האָט
אויסגענוצט די רגע און זיך ווי אַ פֿאַרווינדיקטער צו דער טיר גענומען
רוקן, אַרויסרײַדנדיק נאָך אָווינס, וואָס אים האָט זיך געדוכט, אַז
ס'איז דאָס פּאַטיקענט.

— אַ נומינקן טאָג דעם פֿאָן טמאַושניעווסקי, איך וועל
זײַן בײַ אים אין אַ וואָך אַרום, ווען ער וועט שוין זײַן געזונט
ווי אַ טויער!

ערשט אַרויסגייענדיק מיט הינטע, פֿײַכטע אייגן אויפֿן
הויף, האָט פֿאַר אים אַ בלענד געטאָן דער ניט־אַנגעגראָזטער
קעגנאיבערדיקער סטעדל. און זײַן מוח האָט עפּעס טעמפּס
אַ רודער געטאָן: „פֿאַרוואָס האָבן אים ניט געענטפֿערט אויף
דעם? איין וואָרט, ווען דו דערמאָנסט אים, און די שטיק אַרבעט
איז פֿאַר דיר, אַלעמען אויף צעפּוקעניש!.. נאָר ער האָט זיך
אַ טרייסל געטאָן פֿון דער דאָזיקער מחשבה, ווי פֿון אַ וואַנץ,
וואָס וואָלט אים אינמיטן דערינען אַ ביס געטאָן. וואָרעם די
קרומע קנייטשן אויף זײַן אַלטן פּנים, די אײַנגעטעטעטע ליפּן,
דער אַראָפּגעלאָזטער נאָז, האָבן בלויז דערציילט פֿון איינס: זײַן
פֿראָסט איבערלעבט ווײַל פֿאַרן געווינס־צושטאַנד פֿון טרבנה, דעם
פֿאָן טמאַושניעווסקי...

פרילינג אין קעלערשטוב

אָנהייב אַפּריל קריכט שוין די זון אַרויס פון הינטער די רייען קרומע מיט אַ סך קוימענס באַוואַקסענע דעכער, וואָס האָבן זיך אַ גאַנץ ווינטער געפּאַנגען געהאַלטן; פאַרקריכט כמעט אויפן מיטן הימל, וואָס איז שוין מיט פרילינגדיקע ווינטעלעך בלויע צעפּוצט און איז גרייט די פּעקלעך שטראַלן אָפּצושיקן צו דער ערד אין ווײַטער גאַנצער וואַרעמער קראַפט.. כאַפּן זיך דאַן אַרײַן אַ ביסל שטראַלן אין דער קעלער-הײַזקע פון דעם אַרבעטס-לאָזן איציק און מאַכן דאָרטן אָן אַן אמתע איבערקערעניש... — די חרובע שטיבל, די עפּלעכע צעפּוילטע מעבל-שטיקלעך, וואָס זײַנען אַ גאַנץ ווינטער געווען מיט דעם פאַרוואָלקנטן, טונ-קעלן רויס, ווי מיט אַ סוך פאַרדעקט, ווערן העל באַלויכטן, ווי בכיוון רעפלעקטירט דורך עמעצן, כדי צו ווײַזן פאַר דער וועלט זייער מיאוסע קרענקלעכע נאַקעטקייט: ווען ס'פעלט אַ פוס, ווען אַ זײַט און ווער עס איז בכלל אַן אמתער הרוג, ווי למשל דער אַלמער, וואָס ליגט שוין מיטן בויך אַראָפּ און איז פאַר-וואַנדלט געוואָרן אין אַ פּראָסטן קאַסטן...

איציקן ווערט פינצטער פאַר די אויגן, דערזעענדיק די זוניק באַלויכטענע ד׳ אמות זײַנע. אין די שפּאַלטן פון די ברוי-דיקע הילצערנע ווענט, דערזעט ער די גאַנצע געגויטע באַפעלקע-רונג פון די וואַנצן, זײַן שכנותדיקע מלוכה, און די פאַרשיידענע מינים זייערע: פּיטשינקע וואַנצעלעך, ווײַסינקע, משונה רירעוודיקע און וואַנצן קענטיק באַיאָרנטע, גרויסע, רויטע און פעטע... אין די ווינקלען פון שטעכעדיקן סופיט וויגן זיך און לויפן אום הענ-

דים־פענדום איף ווייערע געוועבן, שוואַרצע שפּינען מיט גלאַנציקע דורכזיכטיקע בײַנלעך... אַ גרויליקע בײַטונג באַפֿאַלט איציקן פֿונעם דאָזיקן בילד, אַז ער מוז זיך נעמען קראַצן.

— ריבונו של עולם! אַז מען קען זיך דאָך ניט פֿאַרגינען אַ שטיקל זייף צו קויפֿן, און פֿאַר די פּאָר ראַשקעס וואַסער אין באָד דאַרף מען אַ האַלבן גילדן באַצאָלן, איז אַ וווּנדער, וואָס מען ווערט פֿאַרוואָרימט!.. — אַזוי רופֿט זיך אָפּ איציקס ווײַב, וועלכע האָט נאָך פֿון פֿריִער פֿאַרבאַהאַלטענערהייט געדראַפּעט זיך מיט בײדע הענט אין פּליצע, און ווען דער מאַן האָט איר נאָך מערער געצייצט, האָט זי זיך גענומען צו דער מלאכה מיט מער דרייסטקייט... נאָר איציק אַנשטאָט צו ענטפֿערן, גיט ער אַ קוק אויף איר מיט זײַנע בלינדלעכע טראַכאָמע־אויגן און שלינגט אַראָפּ אַ זיפֿץ. דער ווײַבס פּנים, וואָס איז אויך פֿון דער זון באַלויכטן, אַנטפּלעקט, אַזוי ווי דאָס שטיבל, זײַנע אַלע קלאָגן: די בײַנערדיקע רינגען אַרום די אויגן, די שטיקער גרויע קאָלטענעס אויפֿן קאָפּ און דער דאַרער געלער האַלדז, ווי בײַ אַ „גאַלאָשיקער" הון. אַזוי בײַנערדיק שפּיציק איז ניראָנטראַבט איר פּנים געוואָרן פֿאַרן כסדר פֿון ווינטער, ווי זי וואָלט פֿון „הקדש" אַרויס... און וויפֿל יאָר איז דען אַלט דער מיט פֿליגן באַדאָכטער פּאָרטרעט, וואָס הענגט אויף דער וואַנט (איציק מיט ריוו־לען „פּאָדרוסקע" גלײַך נאָך דער חופּה, צוויי גליקלעכע פּאַר־שוינען, ווי פֿון זשורנאַל אַרויסגעשניטן)? לויט דער אונטערשריפֿט: מיט אַ וואַסער ניט איז פֿינף אָדער זעקס יאָר צוריק...

אַ ליבע האָט מען עס געפֿירט, ווי די אמתע פּאַציענטן — טראַכט איציק, ווי מען האָט עס געפּראַנצעוועט אין די אָוונטן איבערן גאָרטן! ווײַל אַרבעט איז געווען לרוב. נאָר נאָכדעם דערמאָנט ער זיך עס? אָט, דער פֿרילינג, וואָס דעקט אויף ניט נאָר די פֿאַרבאָרגענע וואונדן, נאָר אויך נאַרישע חלומות...

עס האָבן זיך נאָכדעם גענומען ציִען טעג, און וועלכע דער פֿרילינגס־אָבעט איז געוואָרן אַלץ וואַרעמער, האַרצקלאַפּנדיקער... עס איז די צײַט געקומען, ווען דער באַלעבאַטישער עולם האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די שווערע ווינטער־בגדים, זיך אָנגעטאָן

לעבעט, פרישט. אין באַר איציקן איז עס געווען אַ גאַנצע פּלאַן: מיט אַנדערע מלבושים ווינקט דאָך בלויז דער „דורכהויף" און דער מאַרק. און רירן זיך פון די שטאַטעדיקע צוגעטוליעטע מלבושים אויף אים, האָט זיך אים טאַקע משונהדיק ניט געוואָלט, אַפילו ניט אײַנמאָנען זיך, ניט געבן דער ווײַב פאַרשטיין... וואָרעם דאָס לעבן איז דאָך ווי אַרײַנגעוואַקסן געווען אין די בגדים צוליבן טראָגן ווי אַ גאַנץ ווינטער. אין די גרויסע פרעסט פלעגט ער זיך דאָך מיט דער ווײַב שלאָפן לייגן ניט אויסגעטאָנענערהייט. פון אָפּגעלאָזנקייט זײַנען די צעריבענע העמדער מיט די גאַטקעס געווען צוגעניים צו דעם רעקל מיט די פּלודערן, איז אויסטאָן זיך פון דעם אַלץ געווען, ווי אָפּרײַסן פון ווונדן אַלטע אײַנגעוואַקסענע צוגעקלעפּטע באַנדאַזשן, וועלכע זײַנען שוין שטיינקעדיק שווער, אָבער בלית ברירהדיק ליב...

יאָ, ליב איז געווען איציקן די צעפּוילטקייט פון זײַנע חרובע ד' אמות, די קיפּע מיסט צונויפגעקערט אין ווינקל לעבן אויוון, די צעלעכערטע פּאָדלאָגע, די ווינטערדיקע שמוציקע פינצטערניש; דאָס אַלץ האָט זיך דאָך אַזוי אַרײַנגעפּאַסט אין זײַנע אַרבעטסלאָזע הונגעריקע טעג, אין דער ווײַבס קלאָגערײַען און קינדס פּישטשערײַ. און פּלוצלונג — פרילינג! אַ פינצטער־ליכטיקער ערב פּסח אויף זײַן קאָפּ!..

די זון שײַנט אַרײַן אין קעלער אָן אויפהער, די רייען פענצטער פון די קעגנאיבערדיקע מויערן בליטשטשען באַזונדער מיט שײַן. די וואַרעמקייט פאַרקריכט אין די בגדים, מאַכט שווייסיק שווער דאָס מאָגערע לײַב און די אויסגעלייטע דאַבוועגען די ביינער...

אָט באַדאַרף מען אָפּהאַקן דעם לײַם פון די פאַרמויערטע פענצטערלעך, און וואָס וועט דאַן געשען? דער פרילינג וועט זיך ניט אַרײַנרײַסן אינעם קעלערשטוב מיט זײַנע שמעקעדיקע דופטן, נאָר ווי מיטן הינטערשטן טייל זײַנעם... וואָרעם די פענצטערלעך קומען אַרויס נאָר נאָענט פונעם קהלשן מאַרק־אָפּטרעט... און אויב ווינטער איז ער פאַרפראָרן און ווסטער מיט דושענבק אויס־געשמירט, פאַרפּעסט ער זיך אין פרילינג פונאַנדער ווי אַ באָר...

איציק איז אַקעגן דער דאָזיקער פּלאָג הילפֿלאָז. איבער עס זײַנען אַפֿילו פֿאַרמאַכט די פֿענצטער, קריכט דער ריח דורכן טיר... נאָר, ווי געזאָגט, אַרט עס נישט איציקן. נו, באמת: וואָס קען אים אָנגיין זײַן נאָז, וואָס איז אַ גאַנץ גרויסער, פֿלײשיקער און געזונטער, אַז עס זײַנען פֿאַראַן אַ סך גרעסערע דאגות, וועלכע פּײַניקן זײַן קאָפּ — אויף דעם איז שוין אַ רחמנות...

און אויסער אַלץ שלאָפֿט נאָך דאָ, גאָר נאָענט פֿון איציקס קעלערשטוב, צווישן בלאָטיקע אָפּגעקאַלופּעטע ברעגן, די ווילענקע. עס גייט אַוועק אַ טאָג, אַ נאַכט און דער פֿרילינג נעמט אַרויס־טרעטן פֿונעם פֿאַרפֿרוירענעם טײַך... און אַזוינע נעכט שלאָפֿט עפּעס קיינער נישט בײַם אַרבעטסלאָזן איציקן אין שטוב. אין ווינקעלע פּישטשעט אָן אויפֿהער דאָס קינד; די ווײַב באַמיט זיך אומזיסט מיט ווינעדיקע לידלעך פֿונעם אַלטן פּראָוויזאָר צײַטן און מיט איר אויסגעזאַפּטער ברוסט צו פֿאַרשטאָפּן אים „די קליינע גאָרגל“ (ווי זי רופֿט עס אין אַ בייזער שעה). איציק פֿירכעט, הוסט, קערנדיק זיך פֿון איין קאָלטן צום אַנדערן און פּרוּווט מיט גוואַלד פֿאַרפֿירן זײַן פֿאַרפּײַניקטן באַוווּסטזײַן אין אַ שטיקל חלום... נאָר אינעם פֿינצטערן אָנהייב חודשדיקן דרויסן טרעסקעט אַרויס דער פֿרילינג פֿונעם פֿאַרפֿרוירענעם טײַך... עס באַגלייטן אים אין כאָר אַ וואָיענדיקער עלנטער הונט... קעץ, וואָס פּראַווען ערב־פּסחדיקע חתונות און שרײַען מיט האַרצ־רײַסנדיקע פֿענצטערלעכע שטימען... דאָס אײַז ברעכט זיך מיטן טרוקענעם געקלאַנג פֿון גלאָז, דאָס שטראָמיקע באַפֿרײַטע וואַסער פֿאַרפֿליצט די געבליבענע ווײַסע גראָבע „באַלוואַנעס“, שווענקט זיי, צעלאָזט זיי ווי קראָשקעס צוקער אין אַ טעצל... פֿון אַלע שפּאַלטן ריטשקעס און רינשטאָקן נעמען ריזלען אַבליק שטראָמעלעך וואַסער אַהין־אַהער מיט אַזאַ זיכערקייט צו זייער ציל, צום טײַך, אַז עס דערמאָנט אײַנעם געוויינטן צופֿלוס פֿון בלוט צום האַרצן...

הערט איציק מיט דער ווײַב בײַנאַכט די מוזיק פֿונעם אויפֿגעוואַכטן טײַך און בײַטאָג בלויז עטלעכע טריט צוגייענדיק פֿון קעלערשטוב, קען ער שוין כמעט מיט די הענט אָנטאַפּן דעם

אויף ניך אָנגעשוואָלענעם בײַך, וואָס הייבט זיך און שפּאַרט פֿון די ברעגן, ווי מען וואָלט אים דאָרט אונטן מיט ריזיקע פּאָמפּעס געפּאָמפּט... אַן עולם נײַגעריקע קוקט זיך צו צום וועלן-שפּיל: דאַמען מיט פֿולע קאָלירטע קאַשיקעס פֿון מאַרק גייענדיקע, דאַ-מען מיט פֿרומע תּחינה-פּנימער, אײַלנדיקע הערן מיט פּאָרטפֿעלן אין די קלאָרע הענט, פֿאַרגינען זיך אָפּצושטעלן אַ רגע און כאַפּן אַ קלוגן קוק אויפֿן אינטערעסאַנטן בײַך, און אַ לײַבטער שמועס וויקלט זיך פֿונאַנדער קורץ און גוטמוטיק. קוקנדיק צעטראָכן אויף די קעלער-פֿענצטערלעך לעבן די פֿיס:

— אַ פֿאַרפֿלייצונג וועט משמעות זײַן... בערג שניי ליגן נאָך אויף די פֿעלדער...

— אָבער נאָך אַ פֿאַרפֿלייצונג קומט אַ נערעסטניש...

— דערווײַל איז אויף די קעלער-אײַנוווינער אַ ביטערער רחמנות...

— וואָסי, דער מאַגיסטראַט האָט דען ניט אָנגעגרייט קיין באַראַקן פֿאַר זיי?!

— מען באַדאַרף אָבער באַצײַטנס זיי עקסמיסירן!...

— ס׳איז אַלץ אין בעסטער אָרדענונג, צעניט איך בעסער און מאַכט ניט באַצײַטנס קיין פּאַניק — זאָגט אַ אָן אַ ווײַט שאַ-ענדיקער דיקער פֿאַרשוין אין אַ האַרטן קאַפּעליוש און מיט אַ ליולקע אין פֿעטע ליפּן — איך בין פֿון קאָמיטעט צו קעמפֿן מיט דער פֿאַרפֿלייצונג און איך קען אײַך פֿאַרזיכערן, אַז עס וועט אָנגע-נומען געוואָרן אַלע נעהעריקע שוץ-מיטלען...

אָט גראָד דאַן, קומענדיק פֿון ווײַטע פֿאָר שעה אַרבעט מיט גראָשנס אין קעשענע און אָפּבאַפּנדיק דעם קאָפּ פֿאַכנטס קרופּניק, פֿלעגט איציק שוין ניט אַרויסגיין, כּדי צו זוכן אומזיסט נײַע אַרבעט, נאָר ווי אין נאַרנדיקער ערוואַרטונג נאָך עפּעס, ציט ער זיך אויס אויפֿן געלעגער, פֿירט מיט דער האַנט איבער זײַן שמאָלן שפּעכעדיקן פּנים, ווי ער וואָלט די לעצטע יאָרן געוואָלט אַראָפּווישן, און ענטפֿערט נאָרניט אויף דער ווײַבס פֿראַגן וועגן שפּײַנגדיקן מײַך. און דאָס ווײַב פֿרעגט מאַקע, אָבער אַזוי נאַכלעסיק, פֿאַרבײַגייענדיק, ווי זאָגן אַ געפֿאַר, וואָס אויב זי וועט פֿאַרווירק-

לעבט ווערן, וועט זי דאָך איר קיין שאָדן ניט ברענגען... ביז
אַ שמייכעלע אויף אירע דין דורכזיכטיקע באַקן זאָגט זי:

— דער באַלעבאָס פון הויף איז דאָ געווען... ער'ט געקוקט אין די ווינקלען... געזוכט דעם טײַך... און פאַרוואָרנט איז ער... אַן אַלטער פונדאַמענט, זיפצט ער... גאָט זאָל באַהיטן...

— דירה-געלט האָט ער געבעטן? — פרעגט איציק מיט אַ הילצערן קול...

— הערסט דאָך וואָס ער זאָגט: „איצט — מאַכט ער — וואָלט איך אײַך גערן געוואָלט זען אין קעלער, ווײַל בעסער איר איידער דאָס וואַסער"...

— ער וועט האָבן אונדז צוזאַמען מיטן וואַסער — זאָגט איציק, און אַ מיאוס קרענקלעך שמייכל באַווײַזט זיך אויף זײַן אַסיקן פנים. די אויגן לײַכטן ווי בײַ אַ טיפוס-קראַנקן און זײַן טבאַטעדיקער גוף איז איין געלענער ציטערט אויף מיט יענעם האַווהדיקן געפיל, וועלכן ס'פילן זעלבסטמערדער בעתן אָננעמען דעם באַשלוס פון טויט...

גיך שטײַגט דאָס וואַסער אין טײַך. די שמאָלע בלויע ווילענקע וואָס האָט מיט איר שטענדיק פֿײַן אויסגעדרייען געלע-נער, ווי מיט אַ שטענגל די אָרעמע גרין בערגלדיקע געגנט גע-האַלטן אַרומגענומען, האָט זיך צעזאָסן און פאַרייניקט אין איין אָזערע פיר מעטער איבער דער געווײנלעכער איבערפלאַך... דאָס וואַסער-געוויש האָבן די אײַנוווינער אין די חרובע אָרעמע נאַסן פון הײם ווײַט, און אויפן ערשטן אָרט איז איציק. אָרום ווײַנט פענצטערלעך זאַמלט זיך דער עולם לוויה-טול. מיט שרעק און נײַגעריקייט קוקט מען אַרײַן אין קעלער-חלל ווי אין אַ טיפן ברונעם. מען וויל דורכזען, צי איז נאָך דאָרטן טרוקן, צי נעמט ער זיך שוין אַרויסקלײַבן דער קאַלטבלוטיקער מענטש מיט זײַן ווײַב און קינד, און אויב ניט — איז וואָס פאַר אַ פנים האָט ער... נאָר איציקס פנים איז ווי אַלע מאָל: אַ פנים פון אַ הונגעריקן, אַן אַרבעטסלאָזן; די פאַרכאַמעטע-אויגן בלישטשען אָבער דאָס מאָל אַרויס פונעם גאַנצן פינצטערן רוים ווי צוויי הייסע קוילן פון אַ שטיק מאַשין. ער ליגט אומבאַוועגלעך, די ליפן בלויז

ענדיקן פּיפּקען דעם לעצטן קאָפּ שטינקענדיקן טאַבאַק. נאָך ער טראַכט. ער טראַכט און רופט קרענקלעך דעם צעווילדעוועטן מיך, ער זאָל וואָס גיכער אַהערצו קומען. עס זאָל געשען אַט דאָס וואָס ער זעט די לעצטע נעכט אינעם קאָשמאַר־חלום: דאָס וואַסער פאַרפלייצט זיין פאַרפוילטן קעלער צוזאַמען מיט אים, מיט זיין אומגליקלעכער ווייב און קינד... דער טויט קומט מיט איינ־מאָל פאַר אַלעמען און אַזאַ רויקער, אַזאַ ריינער. מען פאַרשפּאָרט מטהר צו זיין די צעפּנקלאָזטע פאַרבלאָטיקטע גופים, מען פאַרשפּאָרט אויסצוראַמען די בלאָטע פון שטוב, פאַרסמען די וואַנצן און טאַ־ראַקאַנעס... אין חלום פילט ער עס אַזוי בולט, ווי עס טראָגן אים און וויגן אים די כוואַליעס אין זייערע ווייכע ריין פרישע אָרעמס — אַ פאַרגעניגן...

נאָר די ווייב אַן איבערגעדרייטע אין דריטן האַלט ביים ברוסט דאָס פיצל קינד. און צוזאַמען מיט דער נאָגעניש וואָס קומט פונעם קליינעם וויינענדיקן מיילכל, פילט זי אַ שטעכנדיקע נאָגנדיקע שרעק — ביים פענצטער שטייען זיך אַלץ מער אויפן בריי וואָנדער די טונקעלע פיגורן פון גייענדיקע מענטשן ווי די קראָען. עס צעוואַקסט זיך פאַר אירע אויגן אין איין גרויסן שוואַרצן פויגל מיט רויקע צעשפּרייטע פליגלען — אַזוראַי זעט אויס אַזוי דער טויט. נאָר דער טויט וואָלט זי נאָרניט אַזוי שטאַרק געשראָקן, ווען ער שטשירעט ניט מיט די צעגרילנטער אויגן אויפן קינד. אין עס דאָך אַ האָר ניט שולדיק אין דעם, וואָס זי מיט איציקן האָבן ניט צוזאַמענגערעדעטערהייט באַשלאָסן...

— איציק! — ברעכט זי פּלוצלונג אַרויס היסטעריש — וואָס שווייגסטו! לאָמיר עפּעס נעמען טאָן! מיר — ווי מיר, אָבער כ'עופהלס, אַ קלאָג צו מיר!.. און זי רייסט אים מיט די נעגל פון געלעכטער.

— וואָס זאָל איך טאָן, אדרבא, זאָג! — ענטפערט איציק מיט עפּעס אַזאַ מאָדנער הייזעריקלעכער פינצטערער שטים, ווי ער וואָלט זיך שוין געהאַט געטרונקען, און רירט זיך ניט פון אָרט — ווו זאָלן מיר גיין, בהמה! איך בין קראַנק, בין איך היינט... אין באַראַק זיך וואַלגערן? צווישן די בראָדיאַגעס אין צירק?

און וואָס וועלן מיר דאַרפֿן עסן? ניי דו מיטן קינד, איך בלייב דאָ...

— איך וואָלט דאָ אויך פֿאַרבליבן, דו הערסט, איציק! -מיט אַ קלאָג, דערטרונקען ווערן!.. אָבער אונזער מיכלע... עס ווייס דאָך פֿון קיין זאַך ניט... און זי קושט דעם קליינעם ווערטס-דיק צוגעזעגענדריטן קערפּערל וואָס איז ווי אַרײַנגעוואַקסן צווישן אירע ברוסטן, און זי וויינט מיט אַ שטים, וועלכע וואָלט געקלעקט פֿאַר צען טרייערן...

— אויב מירן זיך אַרויסקלײַבן איצט פֿון דאַנען, זאָגט שוין איציק קלערער, זיך אויסהייבנדיק פֿון געלעגער — וועט אונדז שוין דער באַלעבאָס נאָכן מבול צוריק אין קאַסע ניט אײַנלאָזן... עס קומט אים דען וויניק? איך זאָג דיר, ביילע, פֿאָלג מיר, לאָמיר דאָ פֿאַרבלײַבן, הערסט! אָדער אַהער, אָדער אַהין!..

נאָר אַט פּראַלט זיך אויף די טיר און צוזאַמען מיטן פּײַנטן וואַסער-ריח רײַסן זיך אַהער אַרײַן מיט אַ געוואַלד עטלעכע דרייסטע גוטהאַרציקע מענטשן פֿון פֿאַרפּליצונגס-קאָמיטעט:

— משוגעים! פֿאַרוואָס קלײַבט איר זיך ניט אַרויס?

— שוין די מינוט וואָן פֿונדאַנען אין די באַראַקן!

— גיכער, גיכער, אין אַ מינוט אַרום וועט איר דאָך פֿאַר-פּלייצט!.. די געפֿאַר איז גרויס!

— זעט, זעט און דאָ איז נאָך אַ קינד אויך פֿאַראַן!

נאָר איציק לייגט זיך גראָד צוריק אַוועק און ענטפֿערט אַלעמען מיט געצײַלטע ווערטער:

— איך בעט אײַך זיך ניט אויסרעדן. ס'איז ניט אַנדער זאַך...

— וואָס זאָגט איר צו אים!

— שוין ברענגען פּאָליצײַ!

— ער איז אַ משוגענער!

— מײַנע הערן, לאָמיר זיך צו זיי אַ נעם טאָן...

אַז איציק טוט עס אַ שפּרונג אויף פון געלעגער. די פּלודערן זײַנען בײַ אים לויז, די האָר קאָפּויער, און ער נעמט זיי פֿרײַבן מיט-ווײַטע הענט, גרייט צו שלאָגן זיך:

— אַרויס, אַרויס! פאַרוואָס קומט איר ניט צו מיר אַלע טאָג! אַלע טאָג! ווען אונדזער לעבן שטייט אין געפאַר ניט פון אַ וואַסער-פאַרפליצונג, נאָר פון אַ הונגער-פאַרפליצונג!..

די מענטשן האָבן זיך מיט שרעק פון איציקן אָפּגערוקט און אין-דעם ווײַבל מיטן קינד זיך אײַנגעטשעפּעט. זי האָט זיך געלאָזט אײַנבראָכן פון די צאָרעס, קיינמאָל ניט געהערטע רייד.

— קומט מיט אונדז... מיר וועלן אײַך מיט אַ נאַכטלעגער און עסן באַזאָרגן און אײַער טאַן זאָל דאָ בלײַבן, אויב ער וויל... ער איז שוין איינמאָל אַ פויגל! עס וועט אים אַפילו דער טײַוול ניט נעמען!..

און דער טײַוול האָט באמת איציקן ניט גענומען. יענעם טאָג האָט דאָס וואַסער בלויז אַ לעק געטאָן דעם שוועל פון קעלערשטוב און שוין גענומען אָפּפאַלן. און אָפּגעפאַלן איז אויך די שרעק, נײַגעריקייט און רחמנות פון די גוטהאַרציקע מענטשן. מען איז זיך פונעם פענצטער צעגאַנגען, ווי קיינמאָל גאָרניט. איציקס לעבן איז געווען אויסער יעדער געפאַר...

אַ צימער פֿאַרדינגט זיך

„אַ צימער פֿאַרדינגט זיך, מיט באַקוועמלעכקייטן, פֿאַר איין פּערזאָן. בלאַנטער־פּלאַץ 7/13 מאיר קאַצאָוויטש".

דער צעטל, אַ פֿריש ייִנגער, מיט בלויען טינט געשריבן, שיינע, קאַליגראַפֿיש געצייכנטע אותיות פּונקט ווי געדרוקטע, וואָס דערציילן פֿון אַ רויקן געמיט און ליכטיקער צערטלעכער שטימונג בעת שרייבן, לייכט אַרויס פֿונעם טונקעלן ראָג מויער אין ייִדישן פֿערטל שטאָט און שמייכלט אויס די אויגן פֿון עלנטע היימלאָזע דורכגייער...

אַ דרייסטערע געשטאַלט מיט אַן איינצלנעם קלונג אין קעפּ־שטיינע, נאָר מיט אַראָפּגעלאָזטע גרויסע לײַדיקע הענט און אַ ברייטן האַרבן פּנים פּונקט ווי פֿון ביין אויסגעקלאַפּט, שטעלט זיך אָפּ אַקעגן דעם ייִדיש־געשריבענעם און לאָזט אַרײַן אין די שורות אַ פּאָר פֿאַרשמורעטע ניט דערשלאָפֿענע הייסע קוקערס... דער אַדרעס צעשפּרייט זיך אינעם באַוווסטזיין מיט אַ לײַדנשאַפֿטלעכער בילדערישקייט אין אַן אָנגעצייכנטער פֿאָרם פֿון אַ וואַרעמען היימלעכן רוים. אַ ווייכע בעט, אַ לאָמפּ, אַ פֿענצטער פֿול מיט זון צו דער גאַס אַרויס, אַ לעבל ברויט אויפֿן טיש, צורבעס אויף מאָרגן —

— און אַ וואַסער מיט אַ וואַנט־צייגער האָבן מיר דאָ אויך!..

די לעצטע ווערטער געהערן שוין צו דער באַלעבאָסטע פֿון צימער — פֿרוי קאַצאָוויטש. זי איז מקבל־פּנים דעם קאַנדידאַט־קוואַרטיראַנט מיט אַ הייסער קאָכלעפֿל אין האַנט, אַקערשט פֿון קיך אַרויס. אַ קלאָר פֿאַרטעך איז צעשפּרייט ווי אַ פֿאַרהאַנג אויף איר בויך. און אַז עפֿנט זי אויף איין זײַטיקע טיר: דער

וואַטער אָנגעפּלעקט זיך אין זײַן רויטער נאַקעטקייט. אַ צווייטע
טיר: דער וואָגן־ציטער שפּייכלט מיט דער וויבעריער וויסקייט...

— צוואַנציק גילדן אַ חודש. און וויפל ווײַט איר?

— פֿון פּראָווינץ געקומען, אַן אַרבעטער...

פֿרוי קאַצאָוויטשעס טריט פֿאַרשווינדן אין איינעם פֿון די
הויפּט־צימערן. עס הערן זיך אַרויס אַהערצו די לײַבט פֿרעגנדיקע
ווערטער צו עמעצן, ווי אַן אָפּקלאַנג פֿון די פֿריערדיקע רייד:

— פֿון פּראָווינץ געקומען, אַן אַרבעטער!...

און דער ענטפֿער קומט איינינקער אַליין, אָן אַ מויל, האַרט,
אומברחמנותדיק און אומפּאַרטעטעם:

— בהיפּה, דו פֿרעגסט נאָך קשיות!? דאַרפֿסט דאָ האָבן
נאָך אַן אַרבעטער פֿאַר אַ קוואַרטיראַנט פּונקט ווי יענעם! דאַרפֿסט
דאָ האָבן אַ נעסט פֿון פּאָליטיק, מיט רעוויזיעס, מיט עדות זאָגן
און געריכט, מיט אַלע קלאָגן...

ראַמע: דער דריטער אין פֿערטן חודש. שעה: אַרום
צוועלפֿן. דער פּאַסט־טרעגער קומט אַרײַן. שטיף, אָפֿיציעל, אוניפֿאָרם
בליטשטשענדיק, פֿאַרקנעפּלט, אַ רענצל אויף לעדערנע פּאַבן און אַ רעוואָלווער בײַם ווײַט. ווי תמיד — אַן אַמעריקאַנער נעלט־איבערווײַזונג...

מאיר קאַצאָוויטשעס ברודער, לואיס פֿון פֿילאַדעלפֿיע, דער
גרויסער ביזנעסמאַן, איז אויך סענטימענטאַל און פֿאַמיליען־טרײַ.
פּינקטלעך אַלע חודש, אומאָפּהענגיק פֿון צײַט און רוים און שטימונג און פּאָליטישער קאָניונקטור אין יוראָפּ שיקט ער איבער 35
דאָלער. אומאָפּהענגיק פֿון אַלץ איז אויך דער פּאָסט־טרעגער, במילא
מאיר קאַצאָוויטשעס חודשדיק לעבן...

„אַ צימער פֿאַרדינגט זיך, מיט באַקוועמלעכקייטן, פֿאַר איין
פּערזאָן. טעאַטער־פּלאַץ 7/13 מאיר קאַצאָוויטש".

דער צעטל פֿון זון אַ פֿאַרברוינטער פֿאַרלירט זײַן פֿרישקייט. אַ שלאַנקע נעשטאַלט שטייט אָנגעקענן. אַ פּאָרטפֿעל אין האַנט, אַרויסשטאַרצנדיק פֿאַרפּאַקט מיט ביכער. אַ לענגלעכע נײַשטאַלט, אַ פּנים אין אַ גרויסן רעמל פֿון פֿאַרוואַקסנקייט. און שיך אויף די פֿיס מיט לאַבקעלעך פֿאַרדעקט. די צעטל ווערט אין זײַן באַוווסטזײַן פֿאַרוואַנדלט אין אַ סימעטריש צימערל פֿון נאָטיצן

טמיל מיט שפיציקע פארביסטע ווינקלען־ווענט. די פענצטער לענגלעך, שמאָלע, מיט אַ סך שטיבלעך, וואָס פאַרוואַנדלען די שטיקער וון אויף דעם גרינלעך בליש־שערקן דיל אין אַ סך פאָרמען פון קוואַדראַטן, האַלבקרייזן, דרייעקן... און ביבער ווינען פול אויף די קאָנוספאָרמיקע ווענט.

— און ווער זיינט איר, יונגערמאַן?

— אַ סטודענט פון געשיכטע — קלינגען צום די אַוועקגייענ־דיקע טריט פון פרוי קאַצאָוויטש אין די ווייטערדיקע צימערן...

— קיין מאָל ניט! — ענטפֿערט אָט דעם באַלעבאָס קול
איש אַהערצו — פֿרעגנט נאָך קשיות בײַ מיר, צינג?! און אַליין
האָסטו פֿאַרגעסן יענע מעשה מיטן סטודענט, אונדזער אַלטן שכן,
וואָס האָט זיך גענומען סילעבן צוליב שבר-לימוד! דוכט זיך, אַז
כע שמעקט נאָך דאָ פֿון דאַן אָן מיט „גיבער הילף", מיט ציאָני-
קאַלי, מיט פּראָקוראָר!..

„פּרימאָרגן-קוריער"! פּרײַז 10 גראָשן! די אויסאָבהענגיקע
טגנלעבע צײַטונג איז צעשפּרייט אַקעגן מאיר קאַצאָוויטשעס וואַ-
אויסגערופֿן, מיט ווײַסע קנײַטשן פֿאַרקלאַמערטן פּנים. צום
פֿרישטיק לייענט ער דעם ערשטן ראָמאַן, צו מיטאָג דעם צווייטן
אַזוי'ז. און אויב ניט — איז וואָס הערט זיך אין אַמעריקע?

„אַ צימער פֿאַרדינגט, זיך מיט באַקוועמלעכקייטן, פֿאַר איין
פּערזאָן. כּמאַכער-פּלאַץ 7/13 מאיר קאַצאָוויטש".

דער צעטל איז שוין פֿון רעגן און ווינט צעקנייטשט, אויס-
געבלעקט. די טינט צעראָפּגעוואַשן. אַ מיידל-געשטאַלט לייענט עס.
זי איז נעט אָנגעטאָן. דאָס קליינע בלאַסע פּנים ווערט זיך קוים
אַרויס פֿון בערעט מיטן שאַלעבל. סיגעזול אַ רויטס איז אויס-
געשטרעקט ווי אַ וויזיאָנגער אויף לפּנים טרויעריקס... בײדע הענט
האַלט זי פֿאַרבראָכן אויפֿן מאַגערן רעדיקולכל; און די אויגן אַנ-
געשטרענגט שלינגען די צעשמירטע ווערטער אויפֿן צעטל, וועלכע
יעדער אות אין מוח פֿאַרוואַנדלט אין אַ גײַער האָפֿענונג... אַ באַ-
וואַנדערטער צימער... פֿרײַנדלעכע באַלעבאַטים מיט פֿאַרשטענדעניש
פֿאַר אַן אָרעם באַשיידן מיידל... איז אפֿשר אַ שטעלע וועט זיך
אויספֿיקן?

— און וועמער זײַט איר, פֿרײַלין?
— אַ ביוראַליסטין, פֿון גראָדנע געקומען, איך קריג
אַ שטעלע אין גיכן...

דאָס מאָל רעדט אַנטקעגן מאיר קאַצאָוויטש אַליין, אַ נירוע-
ריק דיקלעך מענטשל מיט צעשראָקענע העלע אויגן וואַסעריקע,
וואָס זײַנען אַזוי דורכזיכטיק, גלײַך זיי וואָלטן דעם מוח אַדורכ-
געלויכטן... ער קוקט אין אַלע זײַטן אַרום זיך, ווי ער וואָלט
מורא געהאַט, מען זאָל אים פֿון ערגעץ-ווו קיין שפּיצל ניט אָפּ-

טאָ!... ער האַלט אַ פֿייל מיט קעז און שטאַכקעט אַרויס ווערטער:

— ניין, מײַן ליבע, איר וועט מיר ווייטער אַנטשולדיקן, נאָר דעם צימער וועל איך קיין אומבאַקאַנטע פּרעלנס ניט פֿאַר־דינגען... כ'האָב געהאַט אַמאָל אַזאַ סובלאָקאַטאָרקע, איז זי מיר אַרויס באָקאָם, איר הערט! ז'איז געפֿירט עפּעס אַ שלים־מזלדיקן ראָמאַן מיט אַ כניאָק, אַן אויסוואָרף צו אַ בעזראַבאָט־ניק און האָט זיך פֿון אים אָנגעטראָגן — נו! נו!.. און ווער האָט געהאַט פֿון איר נאָר די צרות? איך! רעדט שוין בעסער ניט!.. אַ קינפּעט, מיט אַ קינד, מיט ווינדעלעך, מיט פּישטשערקעס, קיים פּטור געוואָרן פֿון איר...

— און פֿונדעסטוועגן איז אַ שאָד דעם צימער ניט צו פֿאַר־דינגען — האָט די ווײַב פֿון קאַצאָוויטשן געריפֿט — צוואַנ־ציק גילדן אַ חודש נײַט ניט פֿאַרלאָרן און דער צימער פּוסטע־וויגט אומזיסט...

— אויף קלאָגן דאַרף איך די צוואַנציק גילדן — בייזערט זיך קאַצאָוויטש, אַרומקריכנדיק פֿיל איבערן שטוב — די צוואַנ־ציק גילדן וועט מיר קאָסטן רבי־געלט. איז ניטאָ קיין לערער שכן, דאַרף מען אין אַזאַ צײַט בכלל קיינעם ניט אַרײַנ־לאָזן... יעדער מענטש איז איצט אָנגעלאָדן מיט קלאָג', רציחה, כּוח... און אויב מיר איז באַשערט אַ רויק לעבן צו האָבן מיטן איבערשטנס הילף און מיט דער הילף פֿון מײַן ברודער, וויל איך ניט קיין צושטעפּעניש פֿון דרויסן...

און דאָס צעטל הענגט... דאָס האַרבסטיקע ווינטער רײַסט אַרויס אותיות פֿון אים, פֿאַרמעקט, צעקנייטשט, ווי אַן אַלט פֿאַרגעסענעם אָפּיש. נאָר דאָס וויכטיקסטע בלײַבט: ...צימ... טעאַטער פּ...ק 7/13... קאַצאָוויטש...

און אַז אַ ייִדישער לערער גייט פֿאַרבײַ אײַנגעפּאַקט אין אַ דין צעריסן מאַנטעלקע, פֿונקט ווי אין אַ פּאַפּיר, אָריענטירט ער זיך גלײַך אינעם אינהאַלט פֿונעם היסטאָרישן צעטל... שרײַבן דאָך זײַנע שילער פֿון ערשטן קלאַס לפֿי ערך מיט אַזוינע פֿע־לערן... נאָר דער פּונקט איז אַ נומער — טעאַטער־פּלאַץ,

נאָענט פון שול, מען קען פאַרשפּאָרן פאַר דער צייט פון הינטער אַ פּאָר טופּל...

נאָר דאָס פאַרפאָלק קאַצאָוויטש וויל דעם צימער דאָס מאָל אויך ניט פאַרדינגען, ניין און ניין! „אַ לערער? אַ ייִדישער לערער? גוט יום-טוב, ברידער! — בורטשעט קאַצאָוויטש אין זיך, — מער ווי אַ לערער פעלט מיר ניט אויפן קאָפּ".

— און פאַרוואָס, פאַרוואָס? — פרעגט דער לערער דרייסטער פון אַלעמען.

— פאַרוואָס, פרעגט איר? געווען אַ ייִדישער לערער ביי אינדז אַזאַ, בלייבט ער גאַנצע חדשים קיין געהאַלט ניט באַקומען, פלעגט אַרומגיין נידערגעדראַכט אַ פאַרוואַקסענער, אַ הונגעריקער... הייבן צאָלן פאַרן צימער איז שוין אָפּגערעדט... קוים פּטור געוואָרן פון אים. ער'ט געקראָגן אַ צימער פאַר אַ לעקציע...

— איצט באַשליס איך ענדגילטיק, — האָט מאיר קאַצאָוויטש דאַן פעסט אַ זאָג געטאָן צו דער ווייב, — דעם צימער פאַרדינג איך קיינעם ניט! אַלע, אַלע סובלאָקאַטאָרן ווינען די זעלבע היזק... אָט, ווען מען קען מאַכן אַ מענטשן, וואָס זאָל ניט זיין נעבראָסן פון דער פינצטערער צייט... וואָס זאָל, למשל, ווי מיר קריגן פון אַמעריקע עפּעס צוגעשיקט...

דאַטעס: דער דריטער אין פינפטן, דער דריטער אין זעקסטן, דער דריטער אין זיבעטן און אין צענטן חודש. צייט: אַרום צוועלפן. תמיד דער פּאָסט-טרעגער. לויט קאַצאָוויטש איז אַ גרויסער ביזנעסמאַן. ווי שטענדיק: 35 דאָלער שיקט ער פאַר זיין אָרעמען ברודער אין יוראָפּ, פּאָלאַנד—פּאָלסקאַ, און מאַכט דעם מענטשן אומאָפּהענגיק פון צייט און רוים...

אַן אָפּגעבליאַקעוועט צעטל אָן איין אות אויף אַ ראָג טויער אין ייִדישן פערטל שטאָט שטאַרט זיך אַרום אין ווינט. אַ נאַכטיקער שיכור רייסט עס אַראָפּ ווער ווייס צוליב וואָס פאַר אַ פאַרדעכטיקן צוועק...

און מאיר קאַצאָוויטש זעצט זיך שוין ניט אַוועק אויף אַ שעה צייט כדי אויסצוקריצלען אַ נייעם צעטל; אָנשטאָט דעם האָט ער פאַרמאַכט דעם צימער אויף טיר און לאָדן, גלייך ווי

ער וואָלט מורא געהאַט פֿאַר די דינע שפּילקעדיקע ווינטבראַלן, אַז זיי נופֿא זאָלן דאָ נים אַרײַנברענגען די אומרויִקייט פֿון דער הײַנטיקער צײַט... און ער דרייט זיך אַרום איינינקער אַליין איבער זײַנע צוויי גרויסע ברייטע צימערן מיט קליינע פֿײַנלטע טריט, וואָס ווערן אין די לאַטשן פֿאַרטרונקען, און טראַכט, טראַכט ווען די אַמאָליקע קוואַרטיראַנטן זײַנען. געווען זײַנען זיי דיכט זיך נאָר אַנדערע מענטשן... קיין הויך וואָרט האָסטו פֿון זיי ניט געהערט, ווי די קאָטינקעס, אויף די צייפֿקעס גייט מען אַרום... אײַפֿן אויער רעדט מען: שו-שו-שו... און דירה-געלט — פֿאַרויס געצאָלט. „מאַטש ו' באָטש" — ווי מען זאָגט עס אויף רוסיש. און אומאָפּהענגיק פֿון אַלץ, אַט ווי דער — „פּרימאַרגן-קורירער"! פּרײַז 10 גראָשן! אומאָפּהענגיקע טעגלעכע צײַטונג. מיטאָגצײַט. דער צווייטער ראָמאַן אין דער אַרבעט. און נאָך מיטאָג בײַם פֿאַרויבערן:

— אַ גרויל וואָס די מענטשן גיבן עס אָן אויף דער וועלט! געפֿעלטן, רויבערײַען, דאָ אין אַבעסיניע, דאָ אין פּאַלעסטינע, אין שפּאַניע, אין האָצעפּלאָץ — נאָכאַנאַנד מען שלאָגט זיך, נאָכאַנאַנד מען קען זיך ניט צעשיילן מיט גאָטס וועלט... נאָך אַ גוט וואָס אין אַמעריקע איז רויק...

— אַז די בלעטער מאַכן אַליין דעם טראָך — זאָגט די ווײַב — צונויפֿנעמענדיק די געבליבענע שיריים אין פּאַלומיטעק — אָט איז דאָ ווען געווען געשריבן, אַז אין פּאַריז האָט מען דערהרגעט דרײַסיק מענטשן און אויף מאָרגן, אַז נאָר דרײַצן... און וואָס וועט פֿאַרט זײַן מיטן צימער? — דערמאָנט זי זיך פּלוצלונג...

— איך קלער ווען אַרײַנשטעלן דאָרטן אַ שטײַגל מיט קאַנאַריקלעך — זאָגט מאיר קאַצאָוויטש — זאָלן זיי זיך שפּרינגען און זינגען. ס'איז אַ פֿאַרגעניגן צו הערן אַ קאַנאַריקל זינגען... און נעמענדיק זיך צו זײַן טעגלעכער אַרבעט אָנצושטאָפּן אַ נײַע פּאַרטיע פֿינף און צוואַנציק פּאַפּיראָסן, האָט ער צוגעגעבן:

— אַ כּפּרה די געלט, אַבי דער קאָפּ איז מיר רויק, אַבי איך בין פּטור פֿון זײַן אַ שותּף צו די הײַנטצײַטיקע קלאָגן...

אַ סעאַנס אין קינאָ

(מאָנטאַזש)

— „האַלאָ! האַלאָ! גרויסער, סענסאַציקער אַמעריקאַנער לעבנס-בילד! גאָלדענע סעריע פון פּאַראַמאָונט „דער שפּיגל פון גליק“! גענישלע רעזשי פון קינג באַקסטער! מיט רודאָלף קיפּער און בעטי מאַקדאָנאַלד אין די הויפּטראָלן!“

די האַלב קילעכדיקע ווייען עלעקטרישע הויטע לעמפּלעך, באַלעקן ווי מיט צינגלעך די גרויסע רעקלאַמעס און פּאַטאָסן אַרום דעם נאַסיקן קינאָ-אַרײַנגאַנג. די שטראָמען שײַן שלאָגן זיך אָפּ אין נאַכטיקן טונקעלן אַרום, באַלײַכטן אַ שטיק טראָטואַר און ברוק וואָס באָדן זיך אין האַרבסטיקן פליוך רעגן...

אַ צעשויבערט פּאָרל אַבגעדרייט אין לויז פאַרשפּיליעטע צעראַטענע מאַנטעלעך, ווי שלעכט פאַרפּאַקטע פּעקלעך, לויפן דאָ אַרײַן אינעם ליכטיקן, טרוקענעם אַרום-קינאָ-קרײַז. מטושטש דרייען זיי זיך און פּלאָנטערן זיך לעבן די ליכטיקע אַרײַנגאַנגס-טירן, ווי פליגן וואָס קלאַפּן זיך אָפּ אָן ברענענדיקע לאָמטערנעס...

— ס'וואָלט נישט געווען, לייבל, ...ינצוגיין... נאָר אַ שאָדן געלט...

— קום אַרײַן, קום! ווי וועלן מיר זיך אַהינטאָן אין רעגן? עס ווינטן דאָך די לעצטע טעג פאַרן פּאָרן... זיך געזעגנען מיט די הינט קינאָס...

אַ פאַרמאַכטער שוואַרץ בלישטשענדיקער טאַקסי שטעלט זיך דאָ אָפּ היים און שווער, סאָפּענדיק ווי אַן אָקס... פון די אינגע-ווײַדן טרייסלט אַרויס דער מאָטאָר אַ יונג מיט אַ מיידל — ביידע נעמ אַרומגעטאַליעט אין פליוש, זײַדנס, לאַקיר און ענגלישן

קאַמנאַרן-שטאָט. מען קוקט זיך אַ רגע אָן אין די קינאָ-שאָטאָס, דערזעענדיק דאָרט ווי אין אַ שפּיגל פּונקט אַזאַ ענלעכע פּאָרל צו זיך.

— מיר וועלן אַרײַן, זוליאַן?

— יאָ... מירן אָנרבשטופּן דעם אָוונט...

אַ ברייטער באַלעבאַטישער שירעם שטאַרט זיך אַרײַן אַהערצו, באַהאַלטנדיק אין זיך ווי אין אַ בײַטל אַ נעפּלטערט צוגויסנטאָרעמט פּאָרפּאָלק. שאַקולן בלישטשען אַטער; גרוי אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס און אַ ליולקע, וואָס באַרירט שיר נים דעם גרינלעך פּלײשיקן ווײַבערישן פּנים דערבײַ...

— קום אַרײַן גיכער, דאַוויד, איך בין מיר!

— יאָ... און איך בין דורכגענעצט... זיך נים געטאָרט שלעפּן אין קינאָ...

די פּעט אונטערגעשטראָכענע רעקלאַמע-ווערטער קריכן אין די אויגן אַלעמען אין אומאָרדענונג, אין אַ פּאַרקערטער ריכטונג:

„בעטי מאַקדאָנאַלד! רודאָלף קופּער! קינג באַקסטער — רעוּשי! דער „שמייכל פון גליק" פּאַראַמאָונטס גאָלדענע סעריע! לעבנס-בילדער! אַמעריקאַנער! סעקסיקער! גרויסער! האַלאָ! האַלאָ!"

דער נוב-רעגן אַדורכגענעמישט מיט ווינט, באַלעבאַטעוועט פּראַנק און פרײַ איבערן גאַס. עס רעווען מיט גרילצנדיקער שרעק פּאַרבײַפּאָרנדיקע אויטאָס. עס קנאַקן צו די דראָושקעס ווײַט אַריבעריאָגנדיק די אײַלנדיקע פּוסגייער...

— איין קופּאָן אין לאָושע...

— צוויי בילעטן פּאַרטער...

— צוויי בילעטן באַלקאָן...

צוויי ציטעריק בלײכע הענט רוקן אַרויס בילעטן, שאַרן צונויף סינעלט און נאָכדעם פאַרשווינדן זיי צוריק, אַרומנעמענדיק אַ בײַנעדיק לענגלעך קורץ געשאָרענעם פּרויען-קאָפּ. דער קאָפּ אײַנגעפּאַסט אין קאַסע-פענצטערל בלײַבט אַ פּאַרגליווערטער הענגען פול מיט אומרויִקע קנייטשן און אַרויסקרעכצנדיק עפּעס פון צײַט צו צײַט...

פּליושענע פּאָרהאַנג-פּרענדזלעך גיבן אַ קיצל די העלדזער פון דעם פּאָרל אין לאָושע אַרײַנקומענדיק...

א שטעקעדיקע ווארעמקייט קריכט אום אינעם פארטער 1זע ריי...
אויפן רויקן באלקאָן לאָזט זיך דער נידעריקער סופים בײַ די
לעצטע רייען פראָם נאָענט צום דיל, איינבילדנדיק אַ רוים ווי אין
אַ בריונע...

„די פאראמאָונט-פילם-געזעלשאַפט האָט דעם כבוד פאָרצו-
שטעלן רודאָלף קופער און בעטי מאקדאָנאַלד אין פילם „דער
שמייכל פון גליק". סצענאַר: וויליאַם גרין. דעקאָראַציעס: קלערק
דושאָנסאָן. מוזיק: סאָם מורנאָי".
אַ בלאָנד, ווארעם מיידל-קעפּל סוליעט זיך אין דער קינאָ-
לאָזשע צום שטאַרקן לאַנגן מענער-האַלדז און אַ הארטן קלאָרן
קראַגן איבערגעפּאַסט:
— גיב מיר אַ קוש, יוליאַן! — בעט זי שמאַכטענדיק בײַ
אים — און אידער וואָס-ווען, בלאָנדזשען שוין אירע ליפּן אויף זײַן
פּנים...
— שפּעטער, ליזע, לאָמיר בעסער קוקן אויפן פילם —
ענטפערט ער די אויך שמאַכטענדיק און נעמט זי אויף גיך אַ קוש
פונקט ווי אַ פײַנלשער פּיק. נאָר זי כאַפּט אים מיט ביידע הענט
אַרום פארקלאַמערט און צווינגט אים צו קוקן אויף זיך מאָנע-
דיק בײַזלעך:
— ביז אַהער, יוליאַן, פלעגסטו אין לאָזשע קוקן מער אויף
מיר ווי אויפן פילם!
— עך, ליזע... ס'דוכט זיך דיר... ס'איז דאָ אויף אַלץ
אַ צײַט... און ער קוקט ווידער אויפן פילם...
... ראָמאַן איז אַ פרײַלעכער באָי. אויף אַ דרײַסיקגאָרנדיקן
ניו-יאָרקער וואָלקן-קראַצער רײַט ער מיט ביידע שלאַנקע פיס
זינגט אין זינגט אַ ליד. פּלוצלונג — אַעראָפּלאַן-נערוויש! די בת-יחידה
פון מיליאָנער מאָריסאָן פליט פארבײַ. עס פאַלט איר אַראָפּ
פון דינסטן פינגערל אַ בריליאַנטן-רינגעלע, נאָר ראָמאַנס בוזעם-
קעשענע איז צעעפנט און כאַפּט אַרײַן אין זיך דאָס אוצרל...
— ס'איז ענלעך צו אונדזער באַקאַנטשאַפט, — זאָגט לײַבל
שפּילערהיים צו ליען אויפן באַלקאָן, שמייכלענדיק.
— ווײַטער שטאַרק, — איז זי מסכים אויך שמייכלענדיק.

און אַז ביידנס מחשבות קענען זיך ניט צוטשעפּען צום פֿילם, וועבט זיך אין די מוחות אַ געמיינזאַמער איינגענער פֿילם, אַן ענלעכער ווי אויפֿן עקראַן:

לייבל האָט דאַן געהובלעוועט ברעטער אינעם סטאָלערײַ־װאַרשטאַט. געאַרבעט, בײַם צעעפֿנטן פֿענצטער. און אינעם קעגנאיבערדיקן פֿענצטער פֿון איר טאַטן דעם שמשס וווינונג, האָט בײַלע געניײט די מאָדערנסטע „האַנטלאַש־העמטשקעס"... אַ גרויסע דורכזיכטיקע סטרושקע, ווי אַ גילדענער רונג, טרעפֿט בײַלען אין נאָז און ביידע לאַכן זיך פֿונאַנדער האַרציק אומשולדיק, ווײַל נײַ־זאָג, אַז דער דאָזיקער פּראָלעטאַרישער רונג וועט פֿאַרבינדן זייער געמיינזאַמען גורל!..

...רעטאָן לויפֿט אַ פֿרײדיקער אַהיים מיטן רונג אין האַנט. איבער ניו־יאָרקער גאַסן כאַפּט ער אַ טענצל. פֿון דער צײַטונג דערוויסט ער זיך שפּעטער וועמעס רונג דאָס איז און אַז די בת־יחידה פֿון מיליאָנער באָט אָן אַ גרויסע סומע פֿאַרן ערלעכן געפֿינער, מחמת ס'איז דעם ליבן טאַטעשיס אַ מתּנה...

אינעם פֿאַרטער ערשטער רײ קרעכצט עפּעס דער שטול־גיבער נעבן צים צען: די מאַדאַם ושוק דרייענדיק זיך אין דרײַען, כאַפּט זיך פֿאַר אַ זײַט און בייגט זיך צו צום מאַנס אויער, הייס אַרײַנבלאָזנדיק אין אים:

— די גאַלשטיינער לאָזן מיר ניט צו רו! דער דאָקטאָר בערנשטיין איז אַן אַסעריסט, אַ פֿאַרטוליע! וועסט מאָרגן מוזן מיט מיר אַרײַן צום דאָקטאָר שמורלאָ, הערסט, דאַוויד! מיטאָגצײַט, אומבאַדינגט!

— איך האָב מאָרגן קיין צײַט ניט מיטאָגצײַט...

— וואָסי, וואָסי, ביסט שוין פּטור פֿון דײַן קראַנקער ווײַב?!

— עפּעס דער באַלאַנס שטימט ניט בײַ מיר... מוז איך צוהאָרעווען... נאָר דער עיקר וואָס איך האָב דיר ניט דערציילט איז אָט וואָס: מען שמועסט וועגן אַ רעדוקציע פֿון די פּענסיעס, מיר אויך... אָט וואָס — זאָגט ער בײַסנדיק זיך אַ וואָנצע.

— ווײַ צו מיר ניט — כאַפּט זיך שוין די פֿרוי פֿאַרן קאָפּ, — איצט רעדוצירן די פּענסיע, ווען עס שטײַגט פֿאַר דער שידוך צווישן אונדזער טאָכטער מיטן דענטיסט!..

— כ'האָב עס דיר צוליב דעם מאַקע געפירט אין קינאָ, וואָלסט פאַרגעסן אַ ביסל, ס'זאָל אויף דיר אַזוי ניט ווירקן... נאָר דו ווילסט פון נאָרנישט וויסן... דאָקטוירים! נאַלסטשינער! מען דאַרף זיך באַרויִקן! ס'וועט איבערגיין!..

... אַ פּאַלאַץ אויף איסט בראָדוויי. ראָמאַן גייט אויף מירמלנע טרעפּ. דער רונג אין האַנט עפנט פאַר אים די צענדלינגער טירן, שטויבט אָפּ לאַקייען. אַ פּרויען־בודואַר — אַ טעמפּל! בעצם, דאָס רייצנדר מיליאָנעריש מיידל, טאַנצט ראָמאַנען אַנטקעגן מיט פרייד: „מײַן רונג!“ זי טראָגט אים אונטער אַ פּעקל אַסיגנאַציעס, נאָר ער זאָגט זיך העפלעך אָפּ. זי פאַרליבט זיך אין אים, ער אין איר — אַוודאי. זי באַקענט אים מיט איר פאָטער. דער פאָטער בעט אָבער דעם אָרעמען ראָמאַנען העפלעך פאַרלאָזן זײַן פּאַלאַץ, מעלדנדיק בעטן: „דײַן הית; מאַרקיז דע מאַלראָ וואַרט אויף דיר אין זאַל“!.. — — —

פון לאָזשע אַרויס גליטשן זיך יוליאַנס אויגן אויפן עקראַן אָנגעשפּרענגט פאַרעקשנט, גרייט צו קוקן; די אויערן זײַנען גרייט צו הערן דעם פילם. נאָר ליזעס קאָפּ ליגט איצט אויף זײַן האַרץ און ציטערט און שלוכצט און מאָנט בײַ אים שפּעטשטענדיק כאָטש אַ טייל ליבע פון דעם, וואָס ער האָט בײַ איר געמאָנט בײַם אַ קאָרגן האַלב יאָר צוריק, ווען ער האָט זי פון זײַן פאַבריק אַרויסגעשלעפּט.

— איך בעט דיר, ליזע, באַרויִק זיך! איך ליב דיר ווי אַמאָל! איך האָב אָבער איצט אַזוי פיל געשעפטלעכע זאָרגן, אַז די ליבע צו דיר ווערט טײַלווײַז אין האַרצן פאַרשטיקט... עס האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן אויף מײַן קאָפּ מאַסן פּראָטעסטירטע וועקסלען... די דעוויזן־באַגרענעצונג האָט געשאַפן אַן אומרויִקע שטימונג אויפן האַנדלס־מאַרק... און די אַרבעטער אין מײַן פאַבריק טומלען זיך, אָרגאַניזירן זיך, ווילן מיר בינדן די הענט... ווילסט זיך קוקן אויפן פילם, פאַרגעסן אָן אַלץ...

— און ווי לאַנג האָסטו געזאָגט, אַז ווען דו קוקסט אויף מיר, פאַרגעסטו אָן אַלץ?

— לעצטנס איז מיר שווער צו פאַרגעסן אָן אַלץ... מײַן געזעצלעכע פרוי האָט זיך דערוווּסט פון אונדזער ראָמאַן...

— דײַן פרוי?!

— יאָ... ביידע פאַבריקן זײַנען העלפט אויף איר נאָמען...

... — דײַן טאַטע דער פרומער שמש פלעגט דאָך מיר אויך די ערשטע צײַטן משליח זײַן פון שטוב ווי דער באַנקיר. געדענקסט, ביילע!

— יע, אָבער דו האָסט ניט באַדאַרפט דאַן רויבערן אַ פּאַפּיראָס אום שבת — זאָגט ביילע לאַכנדיק...

— איצט פאַרדריסט עס מיר טאַקע! — ענטפערט לייבל, — וואָס וואָלטן מיר ביז איצט געטאָן, ווען דײַן טאַטע גיט אונדז ניט אָפּ דעם ווינקל שטוב...

— נו, ס'איז דאָך נאַרן! — זאָגט ביילע שטיפעריש שמייכלענדיק, און מען שווײַגט אַ רגע. די געדאַנקען אין מוח הוידען זיך דאַן פונאַנדער, דרייען זיך איבער שווער און פאַלן אויפן געמיט.

— עס וועט זײַן אויף אים מיט דער מאַמען אַזאַ רחמנות, ווען ער וועט זיך דערוויסן, אַז מיר זײַנען אַוועקגעפאָרן... און נאָך אַהינצוצו... און אויף אַזאַ געפערלעכן וועג...

און מיר דוכט זיך, אַז אויף די אַלטע איז אַ גרעסערער רחמנות זיך צוצוקוקן ווי מיר באַרואיקן זיך... אַרבעטסלאָזע אָן און אויסקוק אויף בעסערס...

... בעטי דערוויסט זיך רצבאָנס אַדרעס: אַ קעלער־הויזקע בײַם ניו־יאָרקער פּאָרט. זי פליט צו אים מיט איר אויטאָ. נעמט אים מיט זיך אויף אַ שפּאַציר. בערג, פעלדער און וועלדער. דער ים. די וועלן רוישן. קושן, האַלדזעניש — און מען זינגט אַ ליד פון אייביקער ליבע...

אין קאַסע קריכט דערווײַל אַרײַן דער קינאָ־אײַנגייער און שטייט אַ רגע איבער דער קאַסירערינס צוויי שטאָלצע פּלייצעס, וואָס ציטערן אַלע ווײַלע אויף, האַלטנדיק אויף זיך דעם אײַנגעבראָכענעם קאָפּ.

— פרוי זילבערמאַן! איר זעט גאָרניט ווער ס׳קומט אַרײַן אין קאַפע? און טאָמער אַ גנב?

— איך דערקען אײַך, הער לאַוטערמאַן, נאָך די טריט...

— נו, און אַלזאָ... ווי איך האָב אײַך מיטגעטיילט. הײַנט רעכענען מיר זיך אָפּ. איך באַצאָל אײַך פֿאַר אַ חודש פֿאָרויס, דאָס איז לויטן אַרבעטס־געזעץ און איך האָף, אַז מיר וועלן בלײַבן פֿרײַנד...

— הער לאַוטערמאַן, איך האָב זיך ניט פֿאָרגעשטעלט, אַז איצט... צום ווינטער־סעזאָן זאָל איך פֿאַרלירן די שטעלע...

— אויך מיר ווינטער־סעזאָן! איר שפּאַסט מסתּמא! איר ווייסט אַליין גאַנץ גוט, אַז ס׳זײַנען ניט אַמאָליקע ווינטער־סעזאָנען! און מײַנע חובות ווייסט איר אויך! כ׳איז טאַקע זייער טרויעריק, אַז איך, הער לאַוטערמאַן בײַ דער פֿרוי זאָלן זיך באַדאַרפֿן זעצן אין קאָפּ...

— יאָ, זיכער איך וועל זיך מוזן זעצן הונגערן מיט מײַן קינד... איר פֿאַרגעסט, אַז כ׳בין אַן אַלמנה...

...דער מיליאָנער מאָריסאָן פּראַוועט תּנאים צווישן זײַן האַלב־ווײנענדיקער טאָכטער בעטי מיטן מאַרקיז דע טאַלראַ. דע טאַלראַ טראָגט אונטער דער פּראַכטיקער כּלה ווײַסער אַ קאָסטבאַרן שנור פּערל, פֿון עס אָן אויף איר קלאָר דורכזיכטיקן שוואַנען־האַלדז. ער נעמט זי נאָך מיט בײַ דער האַנט. אַ פּאַרק. פֿאָנטאַנען הויבט. נאָר די לבֿנה באַדעקט זיך מיט וואָלקנדלעך, פּונקט ווי נאַכט. דער מאַרקיז וויל זי אַ קוש טאָן, זי לאָזט זיך ניט, בעטיס פּנים. ער יאָגט איר נאָך אויף די קני. זי לויפֿט לונאַטיש אַנטלויפֿט. איבערן פּאַרק. שרײַט: טאַטאָ, ראַטאָ און חלשט...

...— רעגטיסטן קענען אַפֿילו איצט מאַכן אַ לעבן?..

— קוק אויפֿן פֿילם, קוק! און ריר שטילער — פֿורקעט דער בוכהאַלטער דער ווײַב אין זײַט. נאָר אַליין — קאָנט עס אין אים איצט ווי אין אַ קעסל און אַז די ווײַב כאַפּט זיך ווידער באַרן זײַט, פֿאַררעדט ער זי ציטערנדיק דורך די ציין:

— ועזן ניט די שׂכירות־רעדוקציע, וואָלט איך אים אײַנגעאָרדנט אַ פֿײַנעם קאַבינעט און ער וואָלט ווי עס איז געשטאַנען

א לעבן... מ׳וואָלט גענומען גוטע מעבל אויף אויסצוצאָלן, מ׳וואָלט געמאַכט אַ לײַטישע חתונה, וואָלטן געווען בתנות.

— קענסטו דאָך עס דערציילן באַשעווישן!.. זאָג אים, אַז מ׳בין גרײַלעך קראַנק, איך מוז זיך קורירן. מיט 350 גילדן אַ חודש איז אַזוי אויך שווער צו לעבן... און אפשר זאָל איך צו אים גיין?!..

...דער מיליאָנער פאַרטרויט זײַן לאַגע צו דער בת־יהודה: זײַנע געשעפטן שטייען פאַר אַ קראַך אויב דער מאַרקיז וועט אים נים אַרויסהעלפן, און יענער פאָדערט בעטיס האַנט, אַלזאָ זאָל זי זיך באַשליסן... וועגן גורל פון איר טאַטאַ... ראַמאָן באַשליסט דאַן צו קריגן געלט, אַ סך געלט! ראַטעווען בעטיס פאָטער, נאָר... ער זינגט אַן עלעגיע...

און אין לאָזשע פאַרטרויט איצט ליזע צו יוליאַנען אַ סוד בײַם אין אויער מיט אַ פײַנלעך טרוימערנדיקער מינע, ווי אַ שפילער וואָס וואַרפט די לעצטע כּוז אין קאָן:

— אויב דו האָסט שוין מיר נים ליב, יוליאַן, וועסטו ליב האָבן אונדזער קינד!

— עך, וואָס דו צעפּלאַפּלסט עס, קליינע! לאָז רײַנע וויצן אויף נאָכן קינאָ...

— יאָ, יוליאַן, איך ווער אַ מוטער אינגיכן...

אַז דער יונג נים עס אַ ריס פון האַלדז דעם קראַגן וואָס שטיקט אים און ציסעט דורך די ציין:

— ליזע, אויב איך בין געווען ביז איצט גוט צו דיר, צווינגסטו מיר צו ווערן שלעכט. מײַן קאָפּ ווערט צוזאַמענגעבראָכן פון געשעפטלעכע זאָרגן, און דו גראָבסט זיך אונטער מיר מיט סענטימענטן. דו ביסט געקומען פון מײַן פאַבריק צו מיר אויס ליבע, ווי דו האָסט געזאָגט, און נים כּדי מיר צו שאַנטאַזשירן!

— וואָס?! — און איך זאָג, אַז ס׳איז פאַרקערט!.. דו ביסט צו מיר געקומען!.. און די לאָזשע־ווענטלעך ציטערן אויף פון דעם מיידלס שווינדלדיקן קערפער, וואָס האָט זיך אַ שלײַדער געטאָן אין ווינקל אַלץ ווײַטער פון איר געליבטן...

...אַ חתונה אין קירך! דער אָרגל שפּילט. עס פלאַמט דער רוים אין סוויונטער ליכט אין לאַמפּן. די סמעטענע פון ניו־יאָרק. באַנקירן, מיליאָנערן מיט פּליכן אויף די קעפּ, צילינדערס אין די הענט. שוואַרצע פראַק. דאַמען מיט נעקרוויזטע קעפּ, ביוסטן מיט בריליאַנטן אָנגעשטאָכן... מאַרקיז דע מאַרלאָ און בעטי גייען צום אַלטאַר..

...— ליבל, מען באַדאַרף זיך פאָטאָגראַפירן... כאָטש אַן אָנדענקונג פאַר די עלטערן...

— ס'איז אַ הוצאה... מירן זיי צושיקן פון דאָרטן...

— דאָרטן... דער וועג איז נאָך אַזוי אומבאַקאַנט... צי וועט אונדז דער פירער ניט אָפּנאַרן...

— ששש... צו פעסימיסטיש ביסטו מיר עפּעס געוואָרן... זיך פאַרקוקט אויפן פילם... קלערסט דען צו קריגן אַרבעט?..

ניט עס ביילע אַ שטיר אַראָפּ מיטן האַנט די ווער־ טער פון זײַן מויל...

... מאַרקיז דע מאַלראָ און בעטי שטייען בײַם אַלטאַר. בעטיס פּנים איז מילד לײַדנדיק, דעם מאַרקיזס — תּאוותדיק צע־ שמייכלט, און ראָמאַן אײַלט צו דער קירך מיט פעסטע טריט...

אין קאַסע רוקט אונטער דירעקטאָר לאַזערסאָן די לעצטע פּענסיע פאַר דער קאַסירערין. ער שוידערט זיך, אַז ער וועט זיך מוזן פאַר איר שפּעטערצו, אויב די צײַט וועט זיך פאַרבע־ סערן, מען דאַרף האָבן... נאָר די קאַסירערין, אויסווישנדיק די לעצטע טרערן פון אירע ברענענדיקע אויגן, שלעפּט אַרויס פון האַלדז מיטן גאַנצן כּוח אָנגעקליבענע ווערטער, ווי שטיינער:

— איך וויל אויך אין דער פּרעכטע פאַרמאַטערן! פינף יאָר אַרבעט!.. איר האָט ניט קיין רעכט! דאָס איז אַ גראָב־ קייט!..

...ראָמאַן גיבט זיך פאַרבײַ דעם פאַרטראַכטן אָנגעצווינגענעם חתונה־עולם. ער פּרוּווט אויפן בויך, ווי אַ קאַטער... אָט גיט ער עס אַ כאַפּ אין זײַנע פעסטע אָרעמס דאָס פאַרחלשטע כּלה־ מיידל — אַ שפּרונג, אַ טאַנץ, ער איז אין דרויסן. אַן אויטאָ. זיי פאָרן מיט אַ ווינטיקער שנעלקייט. אַ פליי־פּלאַץ. אַן אַעראָ־

פּלאַץ. מען פֿליט, מען פֿליט, מען פֿליט אַוועק ערגעץ אין אַ גרויען, צעריבן נעפּל און — The end — — —

אַ צעשויבערטע פּאָרל, אײַנגעדרײט אין לײַוו פֿאַרשפּיליטע צעראַמטע מאַנטעלעך, ווי שלעכט פֿאַרפּאַקטע פּעקלעך, האָט זיך אַרײַנגעריסן פֿון ליכטיקן, ברוקענעם אַרום־קינאָ־קרײַז.

אַ פֿאַרבײַגייער, שוואַרץ בלישטשענדיקער טאַקסי, הייס און שווער סאָפּענדיק ווי אַן אָקס, האָט אַרײַנגעשלונגען אין זיך אַ יונג־מיט אַ מיידל, בײַדע נעט אַרומגעטאַליעט אין זײַדנס, פֿליוש, לאַקיר און ענגלישן קאַבנאַרן־שטאָף...

אַ בריטער באַלעבאַטישער שירעם האָט זיך צעשפּרייט, באַהאַלטנדיק אונטער זיך, ווי אין אַ בײַטל, אַ צונויפגעפּרעסטע פּאָרפֿאָלק. שפּאַקולן בלישטשען אַמער; גרוי אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס און אַ ליולקע, ווײַס באַרירט שיר ניט דעם גרינלעך פּלי־טיקן ווײַבערשן פּנים דערבײַ...

בײַם אַרויסגאַנג פֿון קינאָ איז אויך די קאַסירערין געשטאַ־נען אַ ווײַלע און קוים געקענט צעטשעפּענען די שטײַבנדיק פֿאַרווײַ־לטע אויגן אַקעגן די וועניקע רעקלאַמע־לאָמפּן...

אַלע זײַנען באַלד פֿאַרשוווּנדן אין דער שוואַרצער רעגנדיקער גאַס־ווײַטקייט...

אַ שטיקל שטעלע

קאַפּלאַן איז אַ פינף-און-צוואַנציק-יעריקער בחור. ער פאַרמאָגט די בילדונג פון אַן 8קלאַסיקער ידיש-וועלטלעכער שול, אַן אײַנײַעריקער פּוילישער בוכהאַלטעריע-שול, אַ קורס פאַר מאַשין-שרײַבן; ער איז אַן אינטעליגענטער אין דער ליטעראַטור און פּרעסע; הכלל, אַ היינטוועלטיקער יונגער ידישער אינטע-ליגענט. טראָגט ער טאַקע אויף זײַנע נידעריקע שמאָלע אַקסלען אַלע פּלאָגן פון אַזאַ באַשעפעניש מיט די איבערדערמאָנטע טיטלען. קיין מאָל האָט ער נאָך קיין רעכטע שטעלע ניט געהאַט אַלס בוכהאַלטער, פאַר וואָס ער גיט זיך בײַ יעדער געלעגנהייט מיט רעכט אָן. ס'הייסט געפּורקעט האָט ער זיך יאָ ערגעץ אין פאַר-שימלטע ביכלעך בײַ ניט עיבערידיקע ידן און ידענעס אין קלײנע שניט- און גאַלאַנטעריי-קרעמלעך, אָבער נאָכדעם האָט ער שוין דאָס אויך ניט געהאַט. איצט איז ער אַ קײַלעכדיקער, הונגעריקער אַרבעטסלאָזער.

נאָר לעצטנס טענצלט ער אַרום איבער דער שטאָט האָפּער-דיקער. דערוויסט האָט ער זיך, אַז אַ שטעלע באַדאַרף ער קריגן דורכן „פאַרײַן פון האַנדלס-אָנגעשטעלטע" נאָכדעם ווי ער איז אַהין אָפּגעלאָפן אַ שאָק מיט יאָרן... אַזוי ווי פאַר אַ געהיימניס-פולער וויכטיקער געשעעניש, האָט אים דער סעקרעטאַר פון אָנהייב קיין געווים ניט געקענט מיטטיילן, נאָר אַלץ בורותדיק געגעבן אָנצוהערעניש, אַז די שטעלע איז ניט אַזוי אײַ-אײַ-אײַ און אַז ער ווייס, אַז ס'איז לחלוטין ניט צוגעפּאַסט צו קאַפּלאַנס אינטעליגענץ און בוכהאַלטערישן באַרוף. אָבער דערבײַ האָט אים דער סעקרעטאַר פון פאַרײַן אַ ווײַקל פונאַנדער געטאָן פאַר די

אויגן אַ ליסטע, אפשר אַ מעטער די לענג, אָנגעפּיקעוועטע מיט נעמען פון אַרבעטבלאָזע פאַריינס־מיטגלידער, צווישן וועלכע ס'איז פאַראַן אַ גאַנץ בכבודיקע צאָל בוכהאַלטערן, וואָס וואָלטן אַלע גערן געגאַנגען אויף דער דאָזיקער שטעלע, ווייל מען הונגערט באַ־כאַשעס, נאָר ער, קאַפּלאַן, הונגערט דאָך שוין לענגער פון אַלעמען!

שפּעטער האָט דער סעקרעטאַר נאָך עפּעס ערגעץ מיט־געטיילט: די שטעלע איז בלויז אויף צוויי וואָכן. מען באַדאַרף פאַרבייטן אַן אָנגעשטעלטן, וואָס איז אַוועקגעפאָרן אויף אורלויב.

און ערשט אַ מינוט פאַרן גיין האָט זיך קאַפּלאַן דערוווסט, אַז די שטעלע איז אין אַ ייִדישער באַנק. דער לעצטער פּרט האָט אין זיין באַוווסטזיין געפּרווט פאַרריכטן די קאַלעמוטנע געפילן, וואָס עס האָבן צערויכגערופן די פריערדיקע ידיעה. הערט! אין אַ באַנק איז דאָך שוין די ערנסטע שטעלע ניט אַזוי שרעקלעך! געוויס וועט מען אים הייבן טרייבן אַדרעסן אויף קאָנווערטן, פאַררעגיסטרירן וועקסלען, איבערשרייבן פאַ־פירן וכדומה. קען אַמאָל טרעפן, אַז דער דירעקטאָר וועט אַנטציקט פאַר זיין קינסטלערישער, פערלדיק קאַליגראַפישער האַנטשריפט, וואָס ער האָט אויך ספּעציעל געשטודירט, און ער, קאַפּלאַן, ווערט אַ געראַטעוועטער! מיט אַ שטייפער שטימונג איז ער אַוועקגעלאָפן אַהין, מיטנעמענדיק אונטערן אָרעם זיין אַלטן פּינצ־טערן פּאָרטפעל, וואָס איז שוין מער אויף אַ קאָשיק ענלעך געווען.

אָבער דאָרט אין באַנק האָט אים נאָר דער דירעקטאָר אַ פרעג געטאָן אַ קאַלטער, ווי אַ שטשאַוויע:

— איר האָט געבראַכט אַ קישן מיט אַ קאָלדרע?..

און אַז קאַפּלאַן האָט אויף אים אויסגעשטעלט זיינע צוויי איידעלע אויגן, איינגעפאַסטע אין אַ לענגלעך בלאַסן נזיר־פּנים וואָס האָט איצט אויסגעדריקט פילאָסאָפישע אומפאַרשטענדלעכ־קייט, האָט דער דירעקטאָר ווידער איבערגעפרעגט:

— מען האָט אייך אין פאַריין נאָרנישט מיטגעטיילט ווען אייער עובדא... ס'הייסט, אַז איר וועט דאָ באַדאַרפן נעכטיקן און פאַרבייטן דעם... סטראָזש פון באַנק?..

— וועמען? וועמען? — האָט איבערגעפֿרעגט קאַפּלאַן מיט
פֿאַרחידושטע אויגן.

— דעם דינער... דעם סטראָוש, כ׳מיין... — האָט דער
דירעקטאָר נאָכלעסיק גערעדט. און אין זיך אַרײַנבורטשענדיק
פֿאַרענדיקט: אויב ס׳איז דאָ אַן אונטערשייד פֿון בעטעט בײַ
באַרשט...

אָ, ניין, קאַפּלאַנס בלײַכע, ניט אָפּגעראַזירטע באַקן
זײַנען דאַן ניט רויט געוואָרן פֿון חרפּה, ווײַל ס׳איז פּראָסט אין
זיי קיין קאַפּ בלוט ניט געווען; דאָס מאָל האָט קיין איינציק
וואָרט צו דער זאַך ניט געקאָנט אַרויסגעבן, ווײַל דער אויסגע-
הונגערטער מאָגן האָט גרויזאַם געהערשט איבער זײַנע אַלע אומ-
גליקלעכע גלידער.

אָט אַזוי איז ער געוואָרן אַ דינער אין באַנק.

זײַן עובֿרא? — נעבעטיקן קודם-כּל אין איינעם פֿון די
טימלסטע גרויסע, ברייטע צימערן אַ פֿאַרשפּאַרטער און פֿאַרדרינגל-
טער אויף אַלע דרויסנדיקע טירן און — שלאָפֿן? אָ, ניין! וואַכן!
וואַכן! און בײַטאָג: לויפֿן צו אַלע ווײַלע צום אומאויפֿהערלעך
קלינגענדיקן טעלעפֿאָן, די פֿאַרבינדונג רעגולירן; אָנשטעלן דעם
סאַמאָוואַר, ציטרן די הויפּט-בוכהאַלטערן טיי, קערן די דילן.
דערפֿאַר בלויז אויף צוויי וואָכן. צוויי וואָכן שאַנדע, צוויי וואָכן
דערנידעריקונג, צוויי וואָכן מיט בלאַסע באַשפּײַענע. נו, מילא—
האָט קאַפּלאַן געזיפֿצט — אין לעבן טרעפֿט זיך אַלץ. צוויי
וואָכן וועט ער אַדורכלעבן. זאָל זיך דוכטן: ער זיצט אָט פֿאַר
איינעם אַ שטראָף מיט אַ געהאַלט פֿון פֿינף און זיבעציק גילדן...
אַ פּרײַז, וועט איר, אַ נישקשהדיקער; דוכט זיך ניט אַזוי פֿאַר
דער אַרבעט, ווי פֿאַר קאַפּלאַנס אָרנטלעכקייט. ס׳לעצטע איז
אָפּנים געווען דאָס ווײַטיקסטע, צוליב וואָס דער גאַנצער ענין איז
אַדורך דורכן פֿאַרײַן און געטראָפֿן צו דעם שטילן בחור קאַפּלאַנען.

איך דער שטענדיקער פֿעטער דירעקטאָר פֿלעגט — נאָכ-
דעם, ווי האָט ער זיך מיט קאַפּלאַנען נעענטער באַקענט — אים
בײַסטן:

— דאָס געהאַלט, יונגערמאַן, באַקומט איר בלויז פאַר אַייער אָרנטלעכקייט און אפשר אינטעליגענץ... אויף די קלייניקייטן קענט איר זיך אַ שיקסל נעמען, נאָר צי לוינט זיך עס? און דאָ פלעגט דער דירעקטאָר, שמייכלענדיק דיפּלאָמאַטיש און פּיפּקענדיק אַ ציגאַר מיט די גראָבע ליפּן ווי ביי אַ נעגער־אַטלעט — אַ זאָג טאָן מיט אַ ניגון:

— אָ, ניין, מיין פריינד, עס לוינט זיך ניט צו זיין אַזוי סנאָביסטיש! עס איז דאָך וועלט־קריזיס! און אויף דער וועלט־אויסשטעלונג — אויב איר'ט געלייענט אין לעצטן נומער „עקס־פּרעס"—האָבן זיך דאָך אָנגעדרונגען פאַר באַדינערס פינף הונדערט סטודענטן מיט סטודענטינס... יאָ, די אינטעליגענץ... האָט ער פאַר־ענדיקט מיט אַ גימנאַסטישער באַוועגונג, — אויף די לאָפּאַטקעס ליגט זי אויסגעצווינגען...

און קאַפּלאַן געוווינט זיך צו מיט יעדן טאָג אַלץ מער צו זיין שטיקל שטעלע... אַרום פינף אינאָווענט בלייבט ער אין באַנק איינינקער אַליין. עס איז דאָרט אומהיימלעך שטיל און קיל ווי אין אַ קלויסטער. שאַרט ער זיך אַרום איבערן געקעסטלטן פּאַרקעט און מאַכט דעם איינדרוק פון אַן איינציקער פאַרלאָזטער פיגור אויף אַ שאָכברעט... ערשט איצט קריכט אַרײַן אַהער די זומערדיקע זון דורך די לאַנגע פענצטער און ווי בכיוון באַלייכט זי די געגנשטאַנדן אין באַנק: פּאָליצעס פול פאַרלייגט מיט בוכהאַלטעריע־ביכער. ער, ווי אַ רב אין אַ ספר וואָלט ער זיך אין זיי געטיפט... און די שרייב־ און רעכן־מאַשינקעלעך: „אונ־דערוווד", „רעמינגטאָן" — ער קען זיי, ער קען זיי; אויף יעדערער וואָלט ער קלאַפּן געקענט מיט ניט קיין קלענערע געניטשאַפט ווי די צוויי פריילנס, וואָס בלאָזן פון זיך — אַ גרויל!.. נאָר ניט פאַר אים איז דאָס! פאַר אים שטייט אין ווינקל קאָרידאָר אַ באַרשט, אַ סאַמעטענע שמאַטקעלע מיט וואַקס, וועלכע ער דאַרף אינדערפרי צושטעלן צו זיין נאַקעטער פוס און טאַנצנדיק דעם פּאַרקעט אויספּוצן. פאַר אים שטייט אַ סאַמאָוואַר, פאַר אים שטייט ערגעץ אין די פליגלען פון הויז אַ בעט אויף צו ליגן, און מיט

אַ קעצישער גערודל אין אָנשטרענגונג לויערן אויף גנבים און אײַנברעכער...

פֿאַרגייט אָבער אַ וואָך און קאַפּלאַנען הערט שוין נאָר אויף צו אַרן זײַן קאַלעמוטנע לאַגע... ווײַל די פּראָסטע אָבער לפֿי־ערך לײַכטע אַרבעט ווירקט שוין אויף אים אַקעגן זײַן פֿריִערדיקער פֿײַנלעך אַרבעטסלאָזער צײַט ווי בעסערע רפֿואות אין אַ שפּיטאָל, פֿון וואַנען ער ווערט אָבער באַלד אַרויסגײן, כּדי ווידער אָנצוהייבן קרענקען. בײַנאַכט, אײַנגורענדיק זיך אין זײַן ווינקעלע, בײַם ווייכן שײַן פֿון אַ מאַטן עלעקטרישן לעמפּל, אַן אַרומגעריגלטער מיט פֿאַרשיידענע צײַכונגען, וועלכע קומען אָן אין באַנק, און נאָך אַ זאַטן אָוונטברויט צוליבן אָוואַנס, ווערט בײַ אים די שטימונג פֿון אויסגעהיילטע, אַ געזונטע. אָט האָט ער זיך דאָך אָנגעלייענט מיט אַזוי פֿיל אַרטיקלען און מעשׂיות וועגן דעם שווערן וועלט־קריזיס; עס טוט זיך דאָך חושך! נאָר „עס איז אַן איבערגאַנגס־צײַט ווי פֿאַר אַן אָנקומענדיקן סאָציאַלן איבערברוך" — אַזוי שרײַבט די ראַדיקאַלע פּרעסע. איז ניט וואָלט דוכט זיך געווען, אַז זײַן איצטיקע לאַגע זאָל אָנהאַלטן ניט נאָר צוויי וואָכן, נאָר זאָל זיך שוין אַזוי פּאַמעלינקעס ציען ווײַטער... ווײַל... ווײַל דעם אמת זאָגנדיק: ווער פֿון זײַנע אינ־טעליגענטע באַקאַנטע זידלט עס אים און שלאָגט אים דערפֿאַר, וואָס ער פֿאַרנעמט זיך דאָ אין באַנק מיט אַזאַ פּראָסטער אַר־בעט?.. עס, זיי קומען דאָ זעלטן אַרײַן, ווייסן בשמעות גאָרנים. ער טוט עס דאָך אַלץ אַהינטער די ווענט און באַריִערן פֿון לאָקאַל. און אויב זיי וואָלטן יאָ געוווּסט, איז באַטש ווי דער רוח! נעמט זיי דען אָן וואָס ער הונגערט? פֿאַראַיאָרן, — האָט זיך קאַפּלאַן דערוווּסט, — איז דאָ אין באַנק אויף זײַן אָרט געווען אַ געענדיקטער פֿון ייִדישן טעכניקום, און אַ סבֿרא, אַז פֿאַר צוויי־יאָרן — אַ סטודענט פֿון פֿערטן קורס מעדיצין...

אַ געוויסן טאָג האָט ער צופֿעליק אויפֿגעשלאָסן דעם צימער ווו ס׳וווינט מיט זײַן פֿאַמיליע דער אמתער באַנק־באַדינער, וואָס איז אויף אורלויב. און ס׳האָט אים פּראַסט אין די אויגן אַ בלענד געטאָן פֿון דער ציכטיקער היימלעכקייט, וואָס האָט אַרויסגעוויזט

פֿון אַיעדן ווינקעלע. אַ שמייכל אַ קליינס, אָבער אַזוי טאַרביק פֿאַרפּוצט איז דאָ אַלץ געווען, פֿונעם קלענסטן חפֿץ ביזן גרעסטן, אויף אַלץ האָט אַ בליטל, אַ פֿאַרהענגל געוויזן — דער שטעמפּל פֿון אַ גיניטער באַלעבאָסטעס האַנט. אויף דער וואַנט — אַ געמיינטאַמער פּאָרטרעט פֿון באַדינער מיט דער ווײַב, קאָפּל צו קעפּל צופֿרידן שמייכלענדיקע. ביידע אין שוואַרצע ווײַדענע קליידער, ביידע מיט געלאַקטע האָר... אָ, דאָ איז דאָך אַ מחיה צו לעבן!..

און דאַן איז קאַפּלאַנען באַפֿאַלן די אמתע בייזע קנאה צום סטראָזש פֿון דער יידישער באַנק, וואָס האָט אַזאַ טײַערע שטעלע... צי דען וואָלט איך ניט אַזוי ווי דער סטראָזש געקענט חתונה האָבן — האָט קאַפּלאַנען גענומען אין מוח רופֿענען — חתונה האָבן, צי מיט בײַקען, צי מיט ציפּקען אָדער דווירקען, וואָס פֿלעגן זיך ארום איבער דער שטאָט מיט בײַבלעך, צעבונגען אין די הענט, אָן אַ זין, ווי הונגעריקע נאַסע הינער... מיר וואָלטן דאָך דאָ אַזאַ שמייכלדיקן לעבן געפֿירט... נאָך דער פּראָסטער בײַבאַנקאָניקער אַרבעט וואָלטן מיר אין די אָוונטן געקענט צעטוונגען לייענען, ביכער און פֿירן שמועסן וועגן ליטעראַטור, קונסט... אָט איצט, ווען איך בין באָכאַשעם צוגעוווינט צו מײַן שפּלער לאַגע פֿון אַ ריינער, ווען די חרפה דערמאָנט זיך אויס, וואָלט עס דאָך געווען גאַנץ גוט...

און אַז ס׳האָט זיך דערנענטערט דער סוף פֿון די צוויי וואָכן, האָט שוין קאַפּלאַן גאָר גענומען גלייבן: אין אַ שטיקל נאָם און בעטן בײַ אים, אַז דעם סטראָזש פֿון דער יידישער באַנק, דעם גוי, זאָל כאַפּן אַ פֿאָהיבל און ניט דערלעבן זאָל ער שוין פֿון אורלויב, פֿון זײַן דאַטשע, צו קומען!...

נאָר קיין ניסים געשען ניט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דער סטראָזש איז צוריקגעקומען פֿון אורלויב און גראָד אַ מורא-דיק געזונטער, מיט אַ פּאָר גראָבע שווערע וואַנצעס און אַ רויטער פּולבלוטיקער צורה. ווען דער דירעקטאָר פֿון באַנק האָט אים באַקענט מיט קאַפּלאַנען, האָט דער סטראָזש אַזאַ דריק געטאָן

מיט זײַן לאַפּע קאַפּלאַנס קלײן בוכהאַלטעריש הענטל, אַז דער בחור איז נעבעך בלאַס ווי קרײַד געוואָרן... נאָר געוויס פֿון פֿרײַנד־לעבקײט האָט עס דער סטראָוש געטאָן. ווײַל שמײכלענדיק ברײט און דרײענדיק זיך די וואָנצעס, האָט ער זיך אָפּגערופֿן: „באַרדזאָ פּשיעמניע פּאָזנאַטש פּאַנאַ זאַסטעמפּצען, סלאָוואָ האָנאָרו"...

קאַפּלאַן האָט אָבער מיטן גאַנצן האַרצן געשאָלטן זײַן קאָנקורענט, פֿאַרשטאַנען, אַז אויך דער גוי מײנט עס קאַפּויער, און די האַנט דריקט ער עס אים ביז ווײטאָג פֿון שנאה...

קאַץ־און מויז־שפּיל

לאָזער ביק איז אַ נידעריק דינער מענטש. ער פֿאַרמאָגט אַ קליינטשן קאָפּ, אָנגעשוירן אויף גלאַט, — אַ גרויער רונדער שפּיץ. קליינע שאַרפֿע אייגלעך, ווי פֿון אָנגעפּוצטן מעש, מיט אַ שפּיציק דינעם נאָז, אויף וועלכן עס רייטן אַ פּאָר פּענסנע, פֿאַרצייטיקע, אָן רעמלעך.

ער איז עס דער באַלעבאָס פֿון דער איינבינדער־פֿירמע „אינטראָלינאַטאָר".

איצט שטייט ער אין דרויסן אויף דער שוועל פֿון זיין שטוב, וואָס קוקט אויס מיט צוויי גאָרנס העכער פֿונעם וואָר־שטאַט, און זיינע גרויסע שמוציק מגושמדיקע פֿינגער, ווי לעדערנע הענטשקעס, האַלט ער ביידע ראָזע קליינטשינקע אויערלעפּלעך פֿון זיין לערנייִנגל ישראָלקע און דרייט זיי ווי שרייפֿלעך רעכטס און לינקס. וואָס ווייטער אַלץ מיט אַ גרעסערער רציחה דרייט ער די שטיקלעך פֿלייש, פֿאַרקרימענדיק פֿון הנאה זיין בלאַס קרענקלעכן, האָריקן פּנים. די ציין זיינען אין קריצעניש אויס־געשטשירעט , אַז אויף די באַקן באַוועגן זיך שאַטנדלעך און אויף די שלייפֿן שפּאַרן אַרויס די בלוט־אָדערן, ווי ווערים. נאָר דער קליינער לאָזט קיין פּיפּס ניט אַרויס, ער איז שוין צוגעוווינט צו דער אַרויפֿאָרעניש פֿונעם באַלעבאָס אַרום זיינע גלידער, ער וויל אים ניט נאָך מער אויפֿרייצן מיט אַ טרערנדיק שרייענדיקן פּראָ־טעסט. ער שטופּט בלויז טיפֿער אַריין ס'קעפּל אין די קינדערשע שמאָלע אַקסלען, פֿאַרמאַכט שטאַרק די אויגן און הויקערט אויס די פּלייצע, ווי וועלנדיק אויסטראָגן אויף איר די גאַנצע ווייטאָג־דיקע משא.

— וואָלסט מיר מער ניט לויפן אַלע ווײַלע אַרויף און אַראָפּ פון וואַרשטאַט אין שטוב, דו הערסט, ישראלקע!

— איך הער, באַלעבאָס; אַז די אַרבעטער שיקן מיר...

— ווי שיקן דיר! — שרײַט ביק, — אַרויסרוקנדיק אַ רויט צינגל, ווי אַ פלעמל, — אויב זיי וועלן דיר שיקן אין דר'ערד — טאָ גיי! איך וויל אָבער ניט מורא האָבן אַלע ווײַלע, אַז מען נעמט עס מיר טרעגן די אָדערן פאַר חובות און פאָדאַטקעס...

— באַלעבאָס, איך... אוי... — ווײַזט שוין אויך ישראלקע דערפילנדיק דעם ווילדן שטעכנדיקן ווייטאָג אַ בולטן פאַר די אויגן, ווי פונקען וואָלטן געשפּריצט.

— דו קלאַפּסט אַלע ווײַלע אין מיר און איך דאַרף זיך באַהאַלטן אין קאַסטן, — ציטערט ביק ווי אַ ווידנדיקער סאַמאָוואַר, — וואָלסט ניט לויפן מער צו מיר! איבערגעבן וואָלסטו שוין דײַנע פּים, רבונו של עולם!..

עס וואָלט זיך אפשר אַזוי גיך ניט געענדיקט די עקזעקוציע, ווען עס גייט ניט אַראָפּ אַ שכן פון אינדערהייך. לאָזער ביקן גלוסט זיך גאָרניט מער זאָל אים דערזען אין זײַן רויער נאַטור־לעכקייט, לאָזט ער אַרויס דעם יינגל פון אונטער די קני, קוועטשט אַרויס אַ שמייכל אויף דעם מיט כעס פאַרהאַרטעוועטן פּנים און ענדערט זײַן שטימע פון אַ פּייק אויף אַ פידעלע:

— וואָלסט מיר מער ניט לויפן אין דרויסן אָן אַ מאַנטעלע, הערסט! — און ווענדנדיק זיך צום שכן מיט אַ קרעכצעלע: אַ סקאַנדאַל! אָן אַ מאַנטעלע אין אַזאַ פראָסט לויפט ער אַרויף און אַראָפּ...

ישראלקע איז יענער גליקלעכער, וואָס האַלט זיך אײַן בײַ ביקן. דאָס איז אַ נס: אין משך פון יאָר פלעגן זיך אַדורכוואַרפן דורך זײַנע קלייניקע הענט בײַ 3 ערטל מאה יינגלעך. באַלע־באַטישע, נאַסיקע, אָבער מיט אַ ברעקל קינדערשן שטאָלץ, וואָס האָט זיך ניט געקענט אַרײַנפּאַסן אינעם שאַרפן רעמעלע פון ביקס כאַראַקטער. און ס'איז ניט קיין נס: ישראלקע איז געווען דער עלנטסטער, יינגסטער. אַ קיילעכדיקער יתום. דער „דער־

ציטער״ האָט אים פאַר אַ הענטל געבראַכט צו שלעפּן און פּראָסט אַרײַנגעשלײַדערט אַהער ווי אַ מינדערווערטיקן חפץ.

ישראלקע איז קוים עלף יאָר אַלט. פונעם טונקעלן וואַר־שטאַט, ווו ס׳הערשט שטענדיק אַ צעשלײַדערטע אומאָרדענונג פון מעקסור. שוואַרצע טישן, בענק, מאַשינען, פאַרענדיקטע טישלען קליי, שײַלט זיך אַרויס זײַן קורץ דינער קערפּערל מיט זײַן רירעוודיקייט ווי אַ מויז, וואָס לויפט אַרום אין אייביקער אומ־אײַנהאַלטלעכער שרעקעדיקייט פאַר די נעגל פונעם באַלעבאָס — די קאַץ.

די קאַץ איז הונגעריק איצט אין דער אַלמעכטיק אַלוועלט־לעכער קריזיס :

עס זשיפּעט קוים די גרויסע פירמע „אינטראַליגאַטאָר״, וואָס האָט אַמאָל, פאַר דער מלחמה, זיך צעשטראַלט מיטן גרויסן פילפאַרביקן שילד אויפן ראָג פון דער ברייטער גאַס. ביק איז געווען אַ ייד אַ גביר. דאָס אַכטפענצטערדיקע פאַבריקל פלעגט זיך אָפטמאָל דערוועגן אַריבערצושרײַען מיט זײַן הוקערײַ דעם גאַסן־געפּרויש, און בײַנאַכט אַרײַנרײַסן זיך מיט די פלאַם לײַכטנ־דיקע פאַרקראַכמעוועטע פענצטער ווײַט אינעם טונקעלן אַרום. איצט האָט זיך לאָזאַר ביק פאַררוקט אין אַ ווינקל הויף לעבן אָפּטרעט. אָנשטאָט דעם וויניקן שילד איז פאַרטאַטשיש אָנגעמאָלט בײַ דער אַרײַנגאַנג־טיר אַ שוואַרצער ווײַזפינגער מיט אַ בוך ווי אַ טרונע. אינעווייניק אַרבעטן „פיר שטיקלעך מענטשן״ (לויט ביקס רייד), וואָס פיבערן צוזאַמען מיטן באַלעבאָס אין שרעק פאַרן מאָרגנדיקן אַרבעטסטאָג.

פון די פיר אַרבעטער האַלטן זיך נאָך צו די צרות ציווי אייף אַ האָר... ביק, אַז ער זאָל פאַרקאַשערן די אַרבל, קאָן מיט צוויי אויך אויסקומען, נאָר מען טײַלט זיך אײַן וואַלבנפערט אויפן אַלט־באַקאַנטן שטײגער פון פּראָלעטאַריער־פאַרייִנס־מיטגלידער. קלינגט מען זיך, דרייענדיק זיך אין דרײַען, און מען טוט פון שטיק, ווייניקער שעהן, לאָזנדיק זיך אַראָפּשנײַדן פון פּרײַז; און דאַן איז ער ווי אַ צוגעלאַשטשעטע חיה שווײַגנדיק מספּים, בורטשענדיק עפּעס אונטערן נאָז, וואָס דאַרף באַטײַטן:

— איך װאָלט שױן צו פֿיל געװען געשלאָגן, אַז פֿון צװעלף אַרבעטער זאָל איך פֿאַרבלײַבן בײַ צװײ...

נאָר אַן אַנדער צושטאַנד האָט אָבער געהערשט צװישן ביקן מיט יענעם אױפֿװאַקסנדיקן יונגן דור, װאָס האָט חשק געהאַט אַרײַנצוקריכן זיך אין אײַנבינדערײַ־פֿאַך דורך ביקס הענט. װי נאָר אַ גלאַנציק קנעפּלדיקער מאַן מיט אַ פּעקל אונטערן אָרעם פֿאַרבלאָנדזשעט דאָ אױפֿן הױף, כאַפּט ער קלײַבט זיך גאָרניט אין אײַנבינדערײַ, נעמט שױן ביק אָן פֿאַרן קאָלנערל דעם קלײנעם לערנײַנגל און שטופּט אים גיך צום דערבײַאיקן פֿינצטערן קעלער אונטער דער פּאָדלאָגע, װאָס איז מיט אַ פֿאַלביר פֿאַרדעקט. אַט דאָרט האָט װינטערצײַט דער פּראָסט הנאה פֿון זײַן לעבן מער װי אומעטום... און מײַז קלײַבן זיך דאָרט גערן גאַנצע קאָ־לאָניעס צוליבן שבֿועותדיקן ריח פֿון מעל מיט פּאַפּ.

ניך פּאַקט אַרײַן ביק דעם לערן־ײַנגל אין קעלער. מיט אַן אײַנגעבױגענער ציטעריקער פֿאָרזיכטיקײט, װי מען װאָלט אים מיט אַ מעסער געװאָלט דערלאַנגען, האָרכט ער און קוקט צו דער דרױסן־טיר, צי עפּעס װי שױן ניט דער שטיװער־באַמטער, און צודעם לערנײַנגל זאָגט ער דראָענדיק:

— זײַ דאָרטן, שװאַרצער יאָר! קײן פּיפּס זאָל איך פֿון דיר ניט הערן!.. מער סעלפּ מיר ניט, אַז מען װעט דיר דאָ פּאַקן אַ נײַעם פֿאַררעגיסטרירטן...

אױף דער הײסער מינוט שלײַדערט ביק אַרײַן דעם ײנגל װי אַ שטײן, נאָך אױף דעם אַרױס פֿאַרטשעדיקן קאָפּ פֿון איבער דער פּאָדלאָגע לאָזט ער שױן אַראָפּ די פֿאַלטיר. דער קורצער אָטעם־פֿאַרכאַפּנדיקער זײַן אינעם פֿינצטערן קעלער, פֿלעגט אױפֿן ײנגל װירקן אַזױ פֿײַנלעך, אַז בײַם אַרױסגײן איז ער שױן געװען מיט אַ פֿעסטן באַשלוס: קײן אײַנבינדער אױפֿן גאַנץ לעבן שױן ניט צו זײַן...

פֿעגלעך, אַז װען ניט קראַנקן־קאַסע, פֿאַטענטן און שטײַערן

װאָלט זיך ביק ניט באַגאַנגען אַזױ מיט זײַנע לערנײַנגלעך —

— װאָרעם אַ לערער זײַן, דאָס איז סוף־כּל־סוף אַ הײליקע מלאכה, רעדט זיך װאָס איר װילט! שטעלט זיך פֿאָר סאַר אַ

מאכל ס'איז צו קלערן אין די שפעטערדיקע יאָרן, אז די דאָזיקע דווינדזיקעט האָסטו, דו, אײַנגעפֿונדעוועט אין לעבן!..

אזוי מענהט שטענדיק ביק צו זײַנע אַרבעטער נאָבדעם, ווי ער בוויקעוועט הינפּש אַרײַן און די בײַנער אַ יינגל, אז יענער שוי־דערט דאָרטן אין ווינקל פֿון ווײַטאָג און געוויין, און אויך איצט נאָכן דרייען ישראלקעס אויערלעפּלעך:

— ער קריכט מיר אין די אויגן, קריכט ער מיר... ווען כ'וויל אים ניט זען... ווען מען קראַפּירט פֿאַר אַ גראָשן... לויפֿט ווי אַ משוגענער אַרויף און אַראָפּ אַלע ווײַלע...

— אַז מען באַדאַרף אַנך עפּעס פֿרעגן, — פֿאַרענטפֿערט ישראלקען דער עלטסטער אַרבעטער בערטשע.

— איז וואָרט מען! — שרײַט ביק און זײַן בלאַסער פּנים ווערט בלוילעך־רויט, — איך דאַרף דאָך ניט קריגן קיין ראַק פֿאַר מירא, אַז עס גייט דער עקזעקוטאָר...

— איך שרײַ דאָך הינטערן מיר, אַז דאָס בין איך, — פֿאַרענטפֿערט זיך שטיל ישראלקע.

ביק, אַ צוגעשפּאַרטער צו דער וואַנט, בלײַבט דאָן אין פֿאַרלעגנהייט. מיט אַ נגבהשטער תּמימות קוקט ער אויף ישראלקען. אַ שמייכל קריכט זיך אויס אויף זײַן ווײַטן פּנים, ווי בײַ אַ שפּיטאָל־חולה:

— כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, — חכמהט ער זיך, — דו ביסט נעבעך, ישראלקע, נאָר איך בין אויך נעבעך...

און אַז מען זאָל שמועסן פֿאַרקערט, איז טאַקע לאָזאַר ביק אַ האַרציקער פֿאָטער פֿון לערנייונגלעך נאָך פֿון אַמאָליקע יאָרן... ווער־ווער, נאָר ער קען זיך באַריטען דערמיט. עס ווייסן אויך דאָ עדות, דאָס איז בערבשע, דער אַלטער פּופּציקיעריקער אַרבעטער ביקס, בײַ דער נרויער באָרד און באַלאַט פּונטט ותלבן קאָליר, צוליב וואָס ער קומט אויס, ווי אַ באַרג אַש... און פֿאַר אים צעגיסט זיך עס אָפֿט ביק מיט זײַנע צאַפּלענדיקע וברוגות.

... ס'איז אַרום פֿאַר יום־טובים־צײַט, אָט טאַקע דאָן, ווען די ווײַב לאָזט זיך אַרויס מיט דער דינסט איבער די מערק אײַנ־צוהאַנדלען וואָלוועלע, אָבער פֿעטע עופֿות; טוט זיך עס אָן

ביק זײַן האַרטן קאַפּעליוש, אין האַנט אַ שירעם און קלײַבט זיך אַרויס בלומרשט אַזוי זיך, שלינג און שלאַנג שפּאַצירן. נאָר דוכט זיך צופעליק, ווי ניט אים מײנט מען, פאַרבלאָנדזשעט ער צו דער שמאָטישער תּלמוד־תּורה, צום אַלט־באַקאַנטן פּאַרוואַל־טער רודניצקי. פריִער גײט אַדורך ביק דעם גרויסן הויף פון דער תּלמוד־תּורה ווי אַ מאַרק צווישן דער נעדיקער באַוועגלעכער, ספּיספּריש הויכגרילצנדיקער חברה, וואָס הוליעט גראָד אויף דער גרויסער הפסקה. און פאַרבײַגײענדיק סיטן געפּיל, ווי פאַר אַ שטײַג מיט הינדעלעך, גיט ער עס אײנעם, וואָס געפעלט אים גראָד, אַזאַ שנײַדיקן קניפּ אין בעקל, מיט צעפּעטס און הנאה, גלײַך ער וואָלט געקניפּן אַ טאָרבע... אַ רויטער, מיט אַ זיך קרײַ־טענדיקער צעשראָקנקײט גליטש זיך אַרויס דער קלײנער פון אונטער ביקס הענט; ניט פאַרשטײענדיק די סיבה פון דער אומפאַרדינטער שבֿרות, קוקט ער ווײַטיק און אָנגעבלאָזן אויפן באַקאַפּעליושטן מענטשן, וואָס וויל אים נאָך מיטמאַכן ווײַטער באָן שלעבנס...

ביק גיט דאָן אַ שמײכל מיט אײן באַק, וואָס עס דאַרף באַטײַטן: אַז כ׳וועל וועלן, בעקעלע, וועל איך דיר בײַ מיר אין וואַרשטאַט צעפּאַטשן אויך! זאָל איך אַזוי האָבן אַ גוט יאָר!...

און נאָכדעם בײַ רודניצקין אין קאַבינעט אַרײַנקומענדיק, זאָגט שוין ביק גלײַך אויפן שוועל, ווי אַ סוחר אַ פּעטעבער אין זײַן אָנבאָט:

— נו, איז אָט האָב איך זיך נאָר אויסגעקליבן צו אײַך נאָך אַ ייִנגל... אַז מען שמועסט אַ ייִדיש האַרץ... אַזאַ הויף מיט יתומים, נעבעך...

די ייִנגלעך פלעגן אָפּזײַן אויף טערמינען בײַ ביקן לאַנג, אָ, לאַנג! קײנער האָט דאָך וועגן זײער יוגנט ניט געפירט קײן חשבון. זײ פלעגן זיך אין משך פון עטלעכע יאָר אָנקלײַבן בײַ אַ האַלבן צענדלינג. זײ האָבן געהאָרעוועט פריִער ווי די לאָ־שעקלעך און נאָכדעם ווי די פערד. זײ האָבן מיט זײער אומ־ויסטער אַרבעט ביקן רײַך געמאַכט. און ערשט, אַז די פּוך האָריקע,

סימניק אויף ווייטע בלייך אויסגעטרעטענע צורות פלעגן פאַר־וואַנדלט ווערן אין בולטע, זיך קרײַזלענדיקע בערדלעך, פלעגט זיך ביק איינמאָל אין אַ פרײַטאָג־צונאַכט אַ וואָרף טאָן קליינ־געלט אויף אָפּצוזאָגן זיך. און קנײַפּנדיק יענעם אין דער דין דורכזיכטיקער באַק, זאָגט ער ערשט דאַן מיט אַ צערטלעכער ליבשאַפט, ווי צו אַ קינד:

— אָ, זלמנקע הייבט שוין אָן צו פאַרדינען! הייזעלעך בי׳ער זיך מאַכן אויף יום־טוב, אַ רובאַשקעלע, ער׳ט שוין ניט גיין מיטן נאַקעטן הינטערל!..

... נו און איצט, — טענהט ביק מיט אַ קלוגן כעס און מיט איבערצייגונג, — האָט מען זיך פאַרדרייט די משוגענע קעפּ מיט קראַנקן־קאַסעס, פאַריינען, שטיינען! זיי פאַרשטייען ניט די פאַרטיי־לײַט, אַז מיט דעם טוען זיי זיך אײנגנקער אַליין אָן אַן עסער מיט קליי אויסן קאָפּ!.. דער טאַטאַקל, מיטירט זיי באַהאַלטן אין די קעלערן און פון די קראַנקן־קאַסעס לאָזט זיך טאַקע אויס אַ קאַשע — כאַ—כאַ—כאַ!..

אַזוי טענהט און צעלאַכט זיך צום סוף ביק פאַר די אַר־בעטער און דער עיקר פאַרן עלטסטן — בערטשע, ווײַל ער ווייס: בערטשע איז ניט אַזוי נעבאַפט אין דער מעשה... בערטשע דאַוונט אָפּטמאָל... ער צעלאַכט זיך ביק מיט אַ מיאוסן געלעכטער. די אויגן אונטער די פענסנע ווערן פינקלען כיטרע, פונקט ווי די גאָלדערנע צײַן אין מויל, וואָס שפּריצן אויס מיט סלינע פאַר גרויס פאַרגעניגן פון די קלוגע רייד. נאָר פון אַלץ טפּאַרט אַרויס אַזאַ בולטע מיאוסע פאַלשקייט, און אויך אַ לעצט ברייהדיקע פריי־לעכקייט, וועלכע פאַסט זיך גאָרניט צו דער אַרבעטסלאָזער קריזיס־צײַט, אַז עס שטעכט שוין אין די אויגן ניט נאָר די דרײַ יינגערע „פרעמדע" יאָסן, נאָר אַפילו דעם „אייגענעם" בערטשען. זיי ענטפערן אים אָבער ניט, ווייל זיי פאַרשטייען גראָד זײַן מנוולדיקן מיין צו צעקריגן זיך, כדי מאָרגן פרײַטאָג אַ שווײַגנ־דיקן תירוץ האָבן שכירות ניט צו באַצאָלן. ברענגט ער שוין אַרויס זײַן אָנגעקליבענע ביטערניש אויש ביזן דעק, קלײַבנדיק זיך אַרויסצוגיין:

— נו, טאַטע, נאָכמאָל זאָל מען פֿאַרשרײַבן אין קראַנקן־קאַסע און צאָלן טאָפּלטע שטײַערן, טאָמער מ'וועט אַמאָל באַליטנען?! טפֿו!

נאָר איצט זעט ער שוין ווי די אײַנבינדער זײַנען בײַ טיש דרייען זיך אומרויִק, וואַרפֿן זיך איבער מיט פֿינצטערע בליקן. זיי וועלן עס אָט באַלד אַרויספּלאַצן קעגן אים מיט זייער גאַנצער צערײַצטקייט, נישט אָפּהאַלטנדיק זיך פֿאַר קיין זאַך. טראָגט ער זיך כיכיקענדיק אָפּ — — —

דערבײַ זיצט ישראלקע. ער דערהערט ביז לעצטע ווערטער און אויף זײַן קינדערש צעקלעטשטן געמיט ווירקט עס ווי זאַלץ אויף אַ העריננדיקן מאַכל... ווײַל כדי אײַנגעשריבן צו ווערן אין קראַנקן־קאַסע האָט ער עס זיך אַזוי אײַנגעשטעלט אָן ביז וואַרשטאַט. ווען דעם האָט אים אַרײַנגעקלאַפּט אין קאָפּ דער דערציִער — דער פֿעטער, וואָס האָט אים דאָ אַרײַנגעבראַכט. ישראלקע ווייסט עס, און אויך די אַרומיקע כאַפּן עס פֿאַרשטיין. ווײַל זײַן אויסגעמאַטערט פּריצײַטיק פֿאַרעלטערט פּנים איז באַצווינגען געווען מיט אַ מילכיקער בלויקייט און ס'האָבן אַרויסגעשטאַרצט אַלע ביינדעלעך ווי בײַ אַן אָקערטער אויסגעפּיקט פֿייגעלע. און דער עיקר: די גאַנצע הויט איז באַדעקט געווען מיט רויטע פּרישטשיקעס, בלאָטערן און געפּלאַצטע אײַטערדיקע שפּאַלטן ווי מיט אַ מעטערל געמאַכט. אַלץ האָט עס שוין צו שטאַרק דערמאָנט אָן ירושה־ליקער קרענקלעכער נוים. ישראלקעס ליכטיקסטע האָפֿענונג איז געווענדט געווען צו יענער רגע, ווען מ'וועט אים אין קראַנקן־קאַסע פֿאַרשרײַבן. ער וועט דאַן טרינקען קוואַרטנווײַז אַט יענעם געהיימען טײַערן פֿישטראָן, ווען וואָס ס'האָט געצאַלט אַ דאָקטאָר דער טאַטן, ווען ער האָט נאָך געלעבט. ער, ישראלקע, וועט שוין דאַן זיך נישט באַדאַרפֿן שעמען מיט זײַן לײַב און פּנים... ער ווייסט אויך, אַז די קראַנקן־קאַסע שיקט אַוועק קראַנקע אַרבעטער אויף דאַטשעס, צאָלט זיי נאָך צו פֿאַר דער צײַט, וואָס זיי זײַנען נישט אַרבעטספֿעיִק, אַבי זיי זאָלן זיך נישט קלעטן... און אין קינדעריש־שמייכלענדיקער פֿאַרטראַכטקייט אַנטפּלעקן זיך פֿאַר אים אין דער פֿולער רײַצנדיקער פּראַכט יענע „מעשהלעך"

ווי רייכע טאטע־מאמע שענקען ווייערע קראנק געווארענע קינדערלעך
פיינע מתנות אבי זיי זאלן ס׳לעפעלע רפואות איינזופן.

ביאוס איז זיין קרענקלעכע הויט, עס שיינט אבער ישראל־
קעס פנים חנעוודיק. זיין קיילעכדיק קעפל איז ווי איינגעטאנט
אין א רעטל פון גראבע שווארצע קרייזלעך האר. די נאז —
א רונדלעכע. קליינע, געמאסטענע ליפלעך. א קורצע שפיציקע
מארדעלע און צוויי גרויסע אויגן, וואס ווייען מיט געלעבערטן
צער, אז עס דוכט זיך, מען האט זיי פון אן אייביק פארווארגטן
ארעמען ייִדן אויסגעשניטן און אין ישראלקען אריינגעשטעלט...
נאר ביקן שטערט עס ניט, ווי געזאגט, צו פרייען ארויס־
קנאקן פונעם יינגלס ווייך פיסטינקן גוף ס׳גאנצע ביסעלע אינגעווייד.
נאך א גאנציקן טאג אומשלעפן עמערס ברויט, קרוגן וואסער,
בערכעטער האלץ, קערן און רויטען אין באגלייטונג פון ביקס
שטויסאקעס אין דער שטיל, קען ער שוין אינאוונט ביי זיין
גרעסטער יונג־מאנצבילשער אנשטרענגונג, ניט איינצוימען די פאר־
מאטערטקייט אין אלע גלידער. איינגעקורטשעטערהייט אין א ווינ־
קעלע זיצט ער א האנט אויפן הארצן און הארכט ווי ס׳בולבעשעט
אים דארטן: הוק... הוק... הוק...

די עלטערע ארבעטער זיצן איצט אויך אין געהאקטע ווונדן,
זיי האבן ניט געקראגן טאר וואבן לאנג געצאלט, רינגלען זיי ארום
ישראלקען און ווי דעם ערשטן געפאלענעם אין קריג גלעטן זיי
אים מיט א ווארעמער צערטלעכקייט און קלערן אים אויף:

— דו גיי אוועק פון דאנען, ישראלקע! עס איז פאר דיר
ניט קיין פאך איינגעדרייט. עס ליגט אין דר׳ערד נבן איילן...
זעסט דאך מיר... ביק איז א פאסקודניאק, א הונט, און וואס איז
ער ניט... דו וועסט זיך דא צו נארניט דערשלאגן, דו הערסט!
אומזיסט פארטרסטו דיין פיצל געזונט... דו ווייסט ניט פארא
רחמנות ס׳איז אויף דיר!

— ווו וועל איך גיין? — ענטפערט ישראלקע, — ס׳איז
אומעטום שלעכט... עס זיינען פאראן אפילו נאסיקע יינגלעך וואס
האבן דאס אויך ניט...

— וואס? וואס האסטו דא? — ניט א פרעג בערטשע, — דא?

און אַז אויך די אַנדערע אַרבעטער גלאָצן אויף מיט פאַר־וואונדערונג די אויגן, ענטפערט שוין ישראלקע עפעס שטילס, שטאַמלענדיקס, ווי פאַרשעמענדיק די באַשײַנפערלעכקייט פון זײַן מעשׂות, הילפלאָזיקייט:

— ה׳ ביק האָט צוגעזאָגט מיר צו פאַרשרײַבן אין קראַנקן־קאַסע... דער פעטער האָט מיט אים גערעדט...

— האָ! האָ! — שיסן אויס די אַרבעטער און באַקוקן פנימער פון חוזק. נאָר גיך נעמט עס אַריבער אין טרויעריקע שמייכלען:

— טאָ וואַרט, וואַרט, ברודערל, וועסטו דיך נאָך דערוואַרטן, אַז דײַן באַלעבאָסטיק וועט דיר אין „באַנצרעלניע" פאַרשרײַבן...

און אַז ישראלקע שווײַגט ווײַטאָגדיק פאַרעקשנט, זאָגט בערטשע:

— נו, אויב דער בחור וויל אויסקעמפן פאַר זיך סאָציאַלע פאַרזיכערונג איז דאָך ניט שייך... כ׳איז גאַנץ פעסט... לאָמיר זשע וואַרטן, רבותי, ווער ס׳עט זיגן...

און צו וואַרטן קומט ניט אויס לאַנג:

עס דערזעט ביק דורכן פענצטער, עס נעמט צו אים דער קראַנקן־קאַסע־באַאַמטער. פאַרשטייט זיך, אַז צווישן אַלע שרעקלעכע געפילן, וואָס גיבן אים ווי קאַטאָרן אַ ביס, איז דער טאָטע ערנסטער — ישראלקע. מיט צוויי שפרונגען כאַפּט ביק דעם קלײנעם פאַר אַ העלדזל און — אין קעלער געפאָרן, גיך פאַר־האַקנדיק די פאַלדיר. גראָד פאַר ישראלקען, וואָס איז אַזוי צוגעוווינט צו אַנדערע מאַטערנישן, איז דאָס דאָזיקע ליגן פאַר־שפאַרט אינעם קעלער דער שווערסטער נסיון. ער ציטערט פאַר מײַז מער פאַר אַלץ אין דער וועלט. עס שוידערט אים דער אָנבליק פון, זייערע שוואַרץ גליטשעדיקע גופֿימלעך. זייער האָ־ריקע ווייכקייט, שפּילקע־אײַגלעך און לאַנגע ווערעמדיקע עקן פילן אים אָן מיט פאַרשטיקטן ווײַנענדיקן שרעק. יעדעס מאָל ווען ער באַדאַרף אַרײַנקריכן אַהין אין קעלער באַפאַלט אים אַן אימה, צענמאָל גרעסער ווי ביקן — פאַרן באַטאַטן. נאָר גלײַך ווי ביק האָט ער אויך אויסגעפונען אַ מיטל, ווי אַזוי ניט צו ליגן

אײַנגען אויף דער בעבעט־ערדענער פּאָדלאָגע, נאָר נאָכנע אײנער דער פּאָלטיר אַן אײַנגעשטעקטער צווישן אַ לײבעט און אַ לײ־פּערל, וואָס הײנגט זיך און פֿירט משונהדיק ניט אינגאַנצן ביז דר׳ערד.

ישׂראלקען האָט באַראַטעט קאָסטן אַ סך ווײטאָג, כּדי אין דער פּראָסטיקער קעלט דאָ צו דענגען אַזוי אײַנגעדרײט אין דער לופֿטן. עס האָט אים אָבער געלוינט... דער פֿינצטערער אונטן, פֿונוואַנען ער האָט אין אויפֿגעשװאָלענער פֿאַרשטעלונג געהערט דאָס געקווײטשערײַ פֿון כּבֿו, האָט אים מערער געשראָקן ווי אַ טיפֿער שלאַנגען־וווּנט.

און איצט איז ער דאָרט... ער איז דאָרט ווי אין אַ חלום, ווי אין אַ קינדער־מעשׂהלע אַ כּרויעריקער, וועלכע קען זיך נאָר וועבן אינעם מוח פֿון אַ צעניטריקן יאָטל. אָט איז שוין די געווינלעכע צײַט אַריבער. אַלעמאָל פֿלעגט דער באַאַמטער שוין זײַן אַוועקגעגאַנגען. איצט האָט זיך דער שטומער צווישן באַלעבאָס מיטן באַאַמטן געהערט שאַרפֿער. מען האָט זיך כּעסדיק געוואָרפֿן. אין ביקן האָט, ווײַזט אויס, געקאָכט די פֿאַרצווײפֿלונג. ישׂראלקעס הענט, הענגענדיק אָנגעצווינגענע און שטײַף ווי שטריק, האָבן גענומען אָפּחלשן, גלײַך ווי הײסער בלײַ וואָלט זיך אין זײ אַרײַנגעגאָסן. און די פֿיס פֿרירן... ער וועט זיך אָבער ניט אונטערגעבן, ניט אַראָפּשפּרינגען אונטן. נאָך שטײַפֿער דרײט ער אַרום די פֿיס אַרום לײטער און האָרכט: דער באַאַמטער שרײַט, סטראַשעט און ביק אַן אײַנגעבראָכענער רעדט מיט ציטערדיקן געבעט. ביק רוקט צו אַ שטול, בעט יענעם זיצן. און פּלוצלונג האָט דער געדאַנק, אַז ער קען דאָ נאָך בלײַבן לאַנג, האַסטיקער אָנגעטאָן די שרעק אין ישׂראלקען... עפּעס האָט אים הײַנטיקס מאָל דאָס האַרץ געקלאַפּט שטאַרקער ווי שטענדיק. ער וועט עס דורכט זיך ניט אויסהאַלטן, כאָטש ער ווײס ווײַס עס דערוואַרט אים פֿון אונטן און אויבן... דער שטומער ציט זיך אַלץ. ווערטער טריפֿן אויף זײַן קאָפּ ווי הײסע וואַסער... באַלד האָבן אים אויך די הענט פֿרירן גענומען. און אַז אין זײַנע שפּיץ פֿינגער האָט דער קעלטער־שער פֿראָסט שפּילקעס גענומען אַרײַנקלאַפּן, האָט ער זיך ווי אַ פֿלאַכע אַראָפּגעלאָזט...

...ער איז געפאַלן אויף עפּעס ווייכס, פּכטכ. די געוויכטע
פינצטערניש דריקט ווי א משא. ער נימט א צאַפּל אויף, ער דער-
פילט אונטער זיין זייט די קליינקע ווייכקייט פון עטלעכע גרויסע
צעקוועטשטע פּאַצוקעס און פון זייערע אינגעווייד לאָזן זיך ווי
ווערעם אַרויס צענדלינגער קליינינקע טיולעך, צעשפּאַרן זיך איבער
זיין קערפּער און פאַרקריכן אין זיינע הייזלעך, אונטערן העמד.
— טאַטע!.. מאַמע!.. — שרייט ער און גיט א שפּרונג
אויפן לייטער, קלאַפּט מיט די פויסטן, מיטן קאָפּ אָן טיר,
יאָמערנדיק מיט געבעט — ווייל ער האָט פאַרגעסן אָן דער וועלט
פון ביקן... אַלץ מער זיינען די מייז אויף זיין שוידערנדיק פאַר-
פראָרענעם גוף זיך צעקראָכן, אים פול געמאַכט מיט בייסונג און
ציטערניש. אין מויל, האָט ער דערפילט, בייסט זיך אַבן אין זיין
האַלדז ווי מיט א צוועגל, שלעפּט אים פאַרן קאָלנער.
— באַלעבאָס... הער ביק, עפנט מיר! — שרייט ער —
ועט, ווייל מייז זיינען מיר באַפאַלן!..

מאָטיע דראָזשקער

אין אומעטיקן פאַרק זיינען די דראָזשקעס; עס הענגט אויף זיי די זעלבע פאַרגליווערטע מרה־שחורה, ווי אויף זייערע פערד־לעך און געשפּאַנען. און ס׳דוכט זיך טאַקע אָפטמאָל אויס, אַז מענטש, פערד און געשפּאַן איז איין שטיק קלאָגעדיק באַשעפעניש, פון שטאָטישן ברוק אויסגעוואַקסן, וואָס באַשטייט פון צוויי קעפּ, פיס, רעדער און — געדולד! געדולד אָפּצושטיין גאַנצע שעהן, טעג, נעכט, ערגעץ אויף אַ ראָג נאָר לעבן אַ פאַרוויילונגס־אָרט און וואַרטן, וואַרטן... פון פאַרביק באַלויכטענע שפּיגל־פענצטער און טירן גיסן זיך אויף די דראָזשקעס אין דרויסן גאַנצע שטראָמען ציטערדיקע ליכט, דזשעז־ און פידל־מוזיק, כאָרכלדיקע הנאה־געשרייען, קוויטשיקע געלעכטערס, טאַנצנדיקע טריט... אינעווייניק אין קאַבאַרעט דרייט זיך עס אַלץ צוזאַמענגעמישט אין אַ ווערטע־ריקן קויל פון תאווה און צביעות... די דראָזשקעס אין איין לאַנגער ריי, וואָס פאַרנעמט אַ האַלבע גאַס, דרימלען אויף די קעלניעס ווי אַלטע קעץ. ערשט שפּעט בײַנאַכט, ווען ס׳רײַסן זיך טירן אויף און צוזאַמען מיט קוואַלן ליכט און געשרייען קײַקלען זיך אַרויס הייסע שטיקער אָנגעקאָכטע פּאָרלעך, — לעבן אויף די דראָזשקעס מיט זייער אמתן לעבן.

אומעטיקער פון אַלע קאָלעגן זיצט לעצטנס אויף דער קעלניע מאָטיע דראָזשקער. גלײַך ווי שבעה וואָלט ער געזעסן. דער ברייטער גרוי־באַוואַקסענער קאָפּ ווי מיט שפּינוועבס אַרומ־גענומען, אײַנגעפאַלן אין דער האַרטער, ווי בלעכענער היטל, איז אויפן ברוסט פאַרבראָכן. מאָטיע איז בכלל אײַנגעדרייט אין דרימען. ניט ער צעיאָגט זיך און ניט ער צעשטאַקערט זיך מיט

די ליפּן, ווי זײַנע קאָלעגן, גיבן אַ פּאָרל קיילעכיקע זיך אַרײַן אין
דראָזשקע אין היטל זיך אַ פּאָר דעקלאַמירן אַזוי קנאַקעדיק ניך...
ער לאָזט דאָס מידע פערדל שלעפּן זיך ווי זײַן האַרץ געלוסט,

ביז וואַגעָן עס ווערן אין אַ בײַטש פאַרוואַנדלט די חיזוקנדיקע
ווערטער פון די פּאַסאַזשירן:
— עי! דראָזשקער! ווער איז דאָ באַליעדיק, דו צי דײַן
קליאַטשע!

פאַר מאָטיעס אויגן טאַנצט נאָך אַלץ אַ שדים־טאַנץ די איבערלעבונג, וועלכע ווייטאָגט און בלוטיקט אין אים ביז הײַנט:

בײַנאַכט. ער זיצט אויף דער קעלניע און וואַרט אויף ברייטער גאַס — דעם הויפּט־טײַך פון שטאָט, וואָס שלענגט אַרײַן אין זײַנע טויזנטע וואַסערן אַלע שמוץ און קלאָגן פון אַרום... עס איז אַן ערב יום־טוב־טאָג. עס געוואַלדעוועט און טרומייטערן אויטאָס, טראַמווײַען, קינאָען, קאַפעען, לוסטיקע הוליען און איבער אַלץ—מענטשן! זיי שפּאַרן אַריבער די ברעגעס פון גאַס—טראָטואַרן. און פון אָט דער קאַשע, רײַסט זיך פלוצים אַפּ אײן אַרבעסל — אַ פרויען־געשטאַלט. מיט אַ קווייטש געבט זי לויפן איבערן גאַס אין נאָך איר צוויי פּאָליציי־לײַט. מאָטיע קוקט אויף דעם געיעג מיד, זײַטיק. אויף שטאָטישע גאַסן זעט ער אָוונטע אומרויקע בילדער מער ווי רויקע. נאָר אָט האָט מען געכאַפּט דאָס צאַפּ־לענדיקע מיידל; מען פירט זי צו מאָטיעס דראָזשקע. ער פאַר־שטייט: אַ האַלב־אומזיסטע „יאַזדע" וועט שוין זײַן צום צירקל... מען רופט אים, ער זאָל צופאָרן—ער מאַכט זיך קאַלט... נאָר גיך זיצן שוין בײדע פּאָליציי־לײַט מיט דעם מיידל אין זײַן בודע. פאָר, — זאָגן זיי, — צום דריטן צירקל! זי וועט דיר באַצאָלן, שרעק זיך ניט, די פאַרדינסט!..

בלית־ברירה, גיט ער אַ שמיץ דאָס פערדל. ס'מיידל שרײַט היסטעריש, אירע באַגלייטער באַרויקן זי מיט אַן אָפיציעלער שטים: — „וואָס פיעטשעטשטו זיך! אַלע פון דײַניקע גייען אויף אונטערזוכונג און דו ווילסט אַ צאַצקע זײַן?!.." און דאָ האָט מאָטיע פלוצלונג דערפילט אין מיידלס געוויין אַהינטער זײַנע פּלייצעס, וואָס איז ביסלעכווײַז געוואָרן רויקער, נאַטירלעכער— עפּעס מאָדנע נאָענטס; אַ שפּיציקער ציטער האָט אים אין ברוסט אַ שטאָך געטאָן. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער וועג איז פול מיט אַנטקעגנפאָרנדיקע אויטאָס, דורכגייער, דרייט ער זיך אויס, קוקט אַן ס'מיידל מיט אַזאַ פינצטערן בליק, ווי דורך אַ פּאָר טונקעלע ברילן און ניט אַ הירושע, ווי מיטן קיל פון זײַן פערד:

— עטקע?!..

דאָס מיידל טוט זיך אַ ריס פֿון זדראָושקען. איר פֿאַרוויינט
פּנים, פֿול מיט אַ גאַנצער קאַשע פּודער, שמינקע, ווי אַ גרויסע
ווונד מיט צינקזאַלב באַשמירט, צעשפּראָלט זיך פֿריידיק, ווי
עס וואָלט פּלאַצן געוואָלט. זי כאַפּט אַרום מאַטיעס ברייטע,
האַרטע פּלייצעס:

— מאַטיע! — שרייט זי מיט אַן איבערגעביטן קינדערשן
קול, — מאַטיע! פֿיר מיך דאָרטן ניט! זע, שטעל זיך אָפּ, זיי
ווילן מיר אין שפּיטאָל פֿאַרשפּאַרן!..

און מאַטיען האָבן זיך געפֿילן גענומען בײַטן, ווי וואָלקנס
אויף אַ ווינטיקן הימל: העלע, גרויע, שוואַרץ־בלויקע. פֿון זיך
אַליין, ניט וואַרטנדיק אויף זײַן הסכּמה, גליטשן זיך אַרויס די
לײַצעס פֿון די הענט. „העי! פֿאַרזיכטיק! — שרײַען די פּאָלי־
צײַ־לײַט, — דו פֿירסט אונדז אויף אַן אויטאָ!" און כאַפּן אים
פֿאַר די הענט. דאָס גאַסנמיידל נוצט אויס די רגע. אַ דריי אום
מיט איר דין פֿייגלשן קערפּער און זי לויפֿט שוין ווידער איבערן
גאַס, די פּאָליצײַ־לײַט נאָך איר. אָט כאַפּט מען זי איבעראַנײַס
און דאָ איז שוין נאָר נאָענט דאָס אַרעסטהויז — — —

נאָכדעם האָט אים דאָס אַלטע האַרץ פֿון פֿאַרדרוס געווײ־
טאָגט, — נאָכמאָל האָט ער מיט זײַנע הענט, מיט זײַן דראָזש־
קע באַדאַרפֿט אָפּפֿירן די טאָכטער צו איר קלאָג; נאָר אַ צו־
פֿרידנקייט, טיף אין אים פֿאַרשטעקט, האָט אים פֿון צײַט צו צײַט
שפּילנקערהייט געגלעט... גוט איז, וואָס זי איז פֿון זײַנע אויגן
נעלם געוואָרן אַזוי פּלוצלונג, ווי זי האָט זיך באַוויזן, ווײַל דעם
אמת זאָגנדיק: וואָס האָט ער אין יענער רגע איר באַדאַרפֿט טאָן?
וואָס וואָלט ער פֿריִער באַדאַרפֿט זײַן? אַ מוסר־זאָגער? אַ טאַטע?
אָדער אַ ייִד אַ גזלן?

טעקע, זײַן עלטערע טאָכטער, איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק
פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. פֿאַר לײַטן געזאָגט — „ווי אין וואַסער
אַרײַן"... נאָר פֿאַר אים — אַרײַן ערגעץ אין אַן אומקום, מיט
וואָס עס איז פֿול די מאַרקגאַס, וווּ ער וווינט. נאָר גוט אין
געווען, וואָס זי איז פֿון זײַנע אויגן פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, וואָרעם
אירע מיאוסע שטיק האָט זי שוין פּראָוון גענומען דאָ אין גאַס,

אַרום זײַן שטוב. ער האָט זי מיט דער בײַטש געשמיסן, ווען זי פּלעגט זיך אַרײַנכאַפּן אין שטוב פֿאַרטאָג, ווי אַ קאַטער, אַ פּײַבבט־לבבע, אַ צעשויבערטע (מאָטיע האָט דאַן געקלערט, אַז עס פֿעלט איר בלויז אַן אַראָפּגעלאָזטער עק...). ער האָט געשמיסן איבער אירע פֿריזירטע האָר, איבער איר פּנים. און ווען ס׳האָט זיך אים געדוכט פֿון הײסער ליבע צו זײַן קינד, אַז ער שמײַסט עס זיך, האָט זיך אים געוואָלט, עס זאָל זיך אים ניט נאָר דוכטן, נאָר ער זאָל זיך טאַקע שמײַסן אויף אַן אמת! ווײַל אַ פֿערד איז ער, מאָטיע, ניט זײַן טאָכטער. דאָס וואָס עס איז שווער זיך אַרויסצוקלײַבן אין אַן אַנדער הײַזקע און מען באַדויערט זיך אויף דעם פֿאַרקנעכטל צווישן אַזוי פֿיל פּאַסקודסטווע אַרום,—דאָס האָט איר אַוועקגעקוילעט... דערצו נאָך דער איבערדיקער דלות. די ווײַב קרענקט נאָכאַנאַנד. און אײנמאָל פֿאַרגלוסט זיך אים נאָר אַלײן זיך אַוועקצולײגן אין בעט אַ באָליעדיקער אויף טיפֿוס, אָן אַ געגרייטן גראָשן. פֿון היץ האָט ער דאַן געהערט — ווי מען האָט דערצײלט — צו די צוויי דערוואַקסענע מײדלעך זינגען, עטקע און מאַטלע:

— געוואַלד, קרינט ערגעץ ווי געלט און קאָרמעט אָן דעם פֿערד אין שטאַל!..

האָט עטקע דאַן די גאַנצע צײַט פֿון טאַטנס קראַנקײַט טאַקע געקאָרמעט דעם פֿערד אין שטאַל, אַז מאָטיע האָט אים ניט דערקענט נאָכדעם. אַ פֿריצישער כּוח געוואָרן! און אין באַראַק געטראָגן פֿולע קאָשיקעס פ ל ע נ ע.

אין פֿאַרוואָס האָט ער עטקען באַדאַרפֿט מיט דער בײַטש שמײַסן און שילטן מיט די ערגסטע קללות? נאָר וואָס זשע האָט ער באַדאַרפֿט טאָן, אַז זײַנע אויגן זאָלן אים בלינד ווערן פֿון חרפּה?

און איצט האָט זיך אין אים דער פֿון פֿאַר צוויי יאָרן אָפּגעלעגענער באַוווסטזײַן ווען עטקען אויף צוריק געגובען פֿאַר־קאַטערן און געמאַטערט מיט אַ גאַנצן פּאַק ־ע קלאָגן ווען לויפֿן ווכן איר און אָפּליגן גאַנצע טעהן דאָ אין פּאָליציי, דאָ אין שפּיטאָל. וואָרעם אויב ער האָט זי קוין אַלײן מיט די

איינענע מאַטישע ליצעס און פערדל אָפּגעפירט צו איר קלאָג, מעג ער וואָרט שוין אויך באַגראָבן ווערן!

נאָך איין מאָל קומט ער אַהיים שפּעטלעך בײַנאַכט און עס ווערן פון זײַן קאָפּ פּלוצלונג פאַרשווּנדן די דאגות וועגן עסקען. מאַטלעס, זײַן צווייטער טאָכטערס געלעגער איז ניט צונויפגעשטעלט. ס׳אַרומערנע געסל שטייט נאָך אַ צונויפגעלייגטס אין ווינקל. גרויס געוואָרן אין מאָטיעס אויגן איז פּלוצלונג די פּיפּשינקע קעלער־הײַזקע, אַז ער האָט געקענט שטעלן הין און צוריק אַ פינף — זעקס שווער סקריפּענדיקע טריט...

— ווּ איז מאַטלע? — האָט ער אַ געשריי געטאָן צו דער ווײַב — איינס אַ זינגער בײַנאַכט און זי איז נאָך ניטאָ, זיבעצן יאָר אַ מיידל!

די ווײַב האָט זיך אַרויסגעריסן פון שלאָף און אַרײַנגעריסן זיך מיט די אויגן אין טונקעלן חלל פון קעלערשטוב.

— מאַטלע?.. מאַטלע!.. מאַקע ניטאָ... אוי שפּעט... ווי איז מיר...

— האָ! האָ! — נעמט מאָטיע לאַכן מיט אַ געלעכטער, וואָס ווערט בײַ אים אַלע מאָל ענלעך צו אַ פערדישער הירזשערײַ בעת עס איז מיט טרערן צונויפגעמישט, — וואָס דאַרפסטו זאָגן, אַז ס׳איז ווי צו דיר, אַז ס׳איז נאָר צו דיר די אמתע קלאָג! די אמתע כאָלערע וועט דיר דײַן צווייטע טאָכטער ברענגען אין שטוב צו טלעפּן, אָט ווי עבקע!..

— הער, מאָטיע! — פאַרמאַך דײַן גולמסקן מויל, — האָט די ווײַב געשריגן, זי איז מכתמא אויף אַ זאַבאַווע אַוועק, זי׳ט קומען באַלד...

— פערדישער קאָפּ! — איז מאָטיע צוגעלאָפן צו דער ווײַב, און אויפן ווילד אויפגערעגטן פּנים איז געווען אַ קנײַטשיקע מינע צום דערקלערן, פאַרטײַטשן, — וואָס פאַרשטייסטו דאָ ניט, אָדער מאַכסטו זיך ניט פאַרשטיין, מיר וועלן דאָך אויף דעם מאַרק־געסל! נו... בין איך דען ניט זיכער מיט נאָך אַן אומזיסטער יאַזדע צום נקבֿה־שפּיטאָל!..

אין זײַן צווײדריטיקן טראַכטן וועגן מאַטלען, האָט־מאַסיג דראָושקער זיך געגומען דערמאָנען איר אויפפירונג לעצטנס: זי איז נידראָגעדריקט אַ שווינעריקע געוואָרן. ענטפערט אים איין וואָרט אויף צוואַנציק. אָפּטמאָל טרעפט ער איר זיך פאַרטעריק אין טונקעלן ווינקל בײַם קופערט, וואָס פאַרבײַט אין שטוב אַ קאַמאָד. אירע באַקן פלאַמען דאַן. די אויגן בלישטשען. צי האַלט זי דאָרט ניט אירע פאַרדינטע זײַדענע קליידלעך. בכלל זעט זי אויס אויסגעמאַטערט, בלייך, כאָטש ברויט פעלט ניט (ער האָט לעצטנס אויסגעהערט שנעפס צו מאַכן. און מיטן טאָג פאָרט ער אָפּטמאָל צו צום שטוב און טרינקט אויס פון קאַמאַנ־דינאַנצע גלעזל). און צי קומט זי ניט אָפּטערס אַזוי פּלוצעם בײַנאַכט. וואָרעם ווען ניט די באַנעמעניש מיט עסקען, וואָלט אים קיין מאָל ניט אײַנגעפאַלן אַ קוק צו טאָן אין מאַטלעס אָפּגעצאַמטן ווינקל, וואָלט ער האָט פאַר אַ בשׂרן געהאַלטן, ווי מיט אַ מזוזה אַ פאַרקלאַפּטן, צוליב איר יונגקייט און גוטן כאַראַקטער

מיט אַ ציטערדיקער באָרד ווי אין ווינט, מיט אַן אויס־געשטרעקטן האַלדז אָנגעצויגן מיט אָדערן, ווי אַ פידל מיט סטרונעס, איז ער צוגעגאַנגען צו דער ווײַב, וואָס האָט זיך צוליב פאַר־צווייפלונג, הילפלאָזיקייט געקראַצט מיט בײדע הענט אין קאָפּ:

— הער, דײַן גליק וואָס דו ביסט באַליעדיק, אַניט וואָלט איך דיר דערלאַנגט מיט דער בײַטש אַ כמאַליע, אַז דו וואָלסט אויף אַלע פיר אַוועקגעלאָפן!.. איך בין דאָך נישטאָ אין שטוב, קענסטו ניט אויפהיטן מאַטלען, אַז מיר זאָלן ניט האָבן קיין צוויי... צוויי... אויף די עלטערע יאָרן...

אין דעם איז פּלוצלונג אַרײַן מאַטלע. זי האָט נאָך קענ־טיק הינטער דער טיר געהערט די געשרייען, ווײַל אַרײַן איז זי מיט אַן אָפן מויל ווי צים ענטפערן. און געאָרניט ווי אַ פאַר־שולדיקטע. מיט שמייכלענדיקע ראָזלעכע באַקן. זי האַלט אַ ביכל אין האַנט און פּײַקלט איבער אים מיט די פינגער נאָכן טאַקט פון אַ לידל, וואָס זי ברומט אונטערן נאָז...

— אָ, ביסט דאָ! — האָט מאָטיע אויסגערופן מיט אַ טיאוכן שמייכל אין באָרד — טאַקי איך האָב דיר שוין געוואָלט לויפן זוכן בײַ דײַן שוועסטער... נו, און אַ ביכל האָסטו שוין?

ערשט איצט האָט זיך מאָטלע אַזוי קלינגענדיק ריין פונאַנ־דערגעלאַכט, אַז מאָטיע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער רויטער נאָז האָט זיך גענומען קראַצן די קאָלטענעס אויפן קאָפּ.

— מאָטע, — זאָגט זי פרײלעך, — ביסט אַ טראַגי־קאָמישער מענטש. און צו וואָס פרעגסטו נאָך קשיות, זעסט ניט אַליין, אַז כ'האָב אַ ביכל?.. נאָ, גיב אַ קוק!..

מאָטלעס געלעכטערל האָט אים אײַנגאַנצן צעטומלט. דוכט זיך, אַז אַזוי קינדעריש־לוסטער האָט עסקע, איר שוועסטער, קיינ־מאָל ניט געלאַכט. און אַזעלכע ריינע ליפּן, מיט ניט קיין פאַר־שמירטן, פאַרדאָסטן פּנים האָט יענע אויך ניט געהאַט. און זי ניט אָנגעטאָן, מאָטלע, אַזוי פּראָסט, אין דער שוואַרצער כאַמי־קענער רובאַשקע, וואָס ער האָט איר געמאַכט אויף יום־טובים. אַט פונקט ווי אַ ייִנגל זעט זי אויס. „איך בין, דוכט זיך, צו ווײַט פאַרפאָרן, — האָט מאָטיע בעל־עגלהדיק געטראַכט, — מאָטלע וועט זיך אַזוי גיך ניט לאָזן נעמען אין שפּאַן“...

נאָר דעם ביכל האָט ער בײַ איר גענומען, די שפּאַקולן אָנגעטאָן, און צום שטיקל נאַפּבלעטפל צוגעגאַנגען. מיט זײַנע גרויסע דראָזשקער־שטיוול, אין דער ברייטער קאַפּאָטע, מיט דער האַרטער ווי בלעכענער היטל, איז ער, ענלעך צו אַ לײמענעם גולם, געשטאַנען איבערגעבויגן איבערן שער־בלאַט און ווי בײַ אַ האַרטן בייגל שווער געבראָמשקעט מיט זײַנע באַוואַקסטע ליפּן:

— עע... קקקקאַרל מאַרקס און פרידריך ענגלס...

קקקאָם...

— כ'בין געווען סך־הכל בײַ מײַן הבֿיטע לייקע, מיר האָבן געלייענט צוזאַמען. אויב דו ווילסט, פרעג איר מאָרגן, מאָטע!..

מאָטיע האָט זיך אײַנגעגריבלט אין די איבערגעלייענטע ווערטער, וואָס האָבן גענומען אַרומטאַנצן פאַר זײַנע אויגן, שוואַרצע, רונדע, לענגלעכע ווי ווערים. וועלכע האָבן זיך צום סוף צונויפ־געגאָסן אין איין שלענגל... דאַן האָט ער געוואָלט מאַכן אַ נײַע

געוואַלד, וואָרעם צו פֿיל קלינגט עס אויפֿן נאַס מיט פּאָליטיקע, ער זאָל ניט וויסן וואָס דאָס איז... נאָר איצט, ווען דער שפּיציקער חשד איז צערונען, האָט אים באַהערשט אַ שלעפּעריקע רויִקייט, וואָס קומט אַלעמאָל נאָכן אויסנוציקן אָנשטרענגען זיך. איז ער פֿאַרקראָכן אין בעט שווער ווי אַ פֿאָדלע, מיט דער היטל, שטיוול, קאַפּאָטע. ער האָט בלויז אַרויסגעמורמלט מיט אַ פֿאַרשטיקט קול, ווי פֿון בויך אַרויס:

— מאַמעלע, קענסט דאָך בעסער לייענען אַ ביכל, אַ מעשה, אָט ווי אין בלאַט... יענע טאָר מען דאָך ניט...

— שלאָף, שלאָף, טאַטע! ס'איז דאָך שוין אַזוי שפּעט, — האָט אים מאַמעלע געענטפֿערט פֿון אונטער דער קאָלדרע אַרויס, — דאַרפֿסט דאָך מאָרגן אויפֿשטיין פֿרי...

מאַמעלע אַליין האָט אויך געוואָלט שלאָפֿן. זי האָט דאָך אַזוי פֿיל צו טאָן! שלאָפֿן האָט אויך געוואָלט, פֿאַרשטייט זיך, די אייביק קראַנקע מאַמעלע — — —

דורך די פֿיטשינקע קעלער־פֿענצטערלעך אויפֿן סאַמע פּנים פֿון טראָטואַר, האָט זיך שוין גענומען אַרײַנגיסן ווי דורך אַ רינע דער ערבֿ־מאַי־פֿרימאָרגן. פֿון אינדערהייך, איבער דער גאַס, האָט זיך געוויזן געוען: אַ גרינלעך־בלוי פֿאַרשווינדריקער הימל, וואָס ווערט אַלץ מער אַדורכגעשווענקט מיט אַ ראָזקייט, וועלכע שפּאַרט פֿון מזרח. דער פֿרימאָרגן, ווי ס'וואָלט אים קנאַפּ געווען דאָס פֿיטשינקע קעלער־פֿענצטערל, האָט פּלוצלונג גענומען צעפּאַרן דורך דער טיר פֿון מאָטיע דראָשקעס שטוב. פֿעסטע קלעפּ האָבן אַלעמען אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף, אין וועלכן מען האָט זיך אָט אָקאָרשט נאָך פֿיל מי געהאַט פֿאַרקליבן.

— ווער איז דאָרט?

— עפֿנט! עפֿנט גלײַך! פּאָליציי!

— פּאָליציי? האָט מאָטיע אַ שפּרונג געטאָן צום שוועל — אָך וואָס?!

— דאָ וווינט מאַמעלע סאָלאָדוך! עפֿנט!

— איר מיינט מסתמא עטל סאָלאָדוך! האָט מאָטיע פֿאַר־שלאָפֿן ציטעריק גערעדט און אַראָפּגענומען די זאַוואָלע פֿון טיר.

און נאָכדעם האָט ער מיט בשונהדיק צעעפֿנטע אויגן געזען: פֿון דעם קופֿערט, וועלכן ער האָט חושד געווען אין האַלטן בײַ זיך מאַמלעס נקבֿהשע פֿאַרדינסטן, האָט מען אַרויסגענומען אַ פּאַק ווײַסע בלעטלעך, ביכלעך און עפּעס רויטס... מען שרײַבט אויפֿן טיש אין אַ פּאַפּיר און מען בעט מאַמלען מיטגיין. און זי רײַסט זיך ניט, שמייכלט רויק. „שרעק זיך ניט, טאַטע, — זאָגט זי, — מען וועט מיר מאָרגן באַפֿרײַען".

— מײַנע הערן!.. איך בעט אײַך... פֿאַרוואָס? — האָט זיך מאַטיע מיט דער ווײַב אַ וואָרף געטאָן צו דער פּאָליציי — אפשר יט איר אַ טעות... זי איז דאָך נאָך אַזאַ יונגע... סוכּות איז זי אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר...

— נו, שווײַג, שווײַג בעסער! — ענטפֿערט מען אים — און פֿרײַ זיך וואָס ד י ר נעמט מען ניט... פֿאַרן לאָזן באַהאַלטן אין־שטוב פֿאַרבאָטענע ליטעראַטור און אַ פֿאָן...

— אַ פֿאָן... די רויטע סוך... — האָט מאַטיע אין פֿאַרלעגנהייט געבורטשעט — מאַלע וואָס דאָס איז... אפשר האָט זי זיך עס גענומען אויף אַ קליידל אַ רויטס...

— אַ נאַר ביסטו, אָדער מאַכסט זיך — ענטפֿערט מען אים שוין פֿון הינטער דער טיר, אַוועקפֿירנדיק מאַמלען.

אַ היפּשע ווײַלע איז מאַטיע געשטאַנען אויף דער טיר ווי אַ זאַוויעסע און דעם אָטעם ווי מיט צוואַנגען שווער געשלעפּט. מיטאַמאָל האָט ער זיך ווי אָן עפּעס דערמאָנט. ער איז אַרויסגע־לאָפֿן אינדרויסן נאָכשרײַענדיק יענע, וואָס זײַנען שוין ווײַטלעך אַוועק:

— מײַנע הערן! וואַרט אויף! וואַרט אויף! איך שפּאַן אײַן דעם פֿערד און וועל אײַך מיט מײַן טאָכטער צופֿירן!..

מען האָט אים ניט געענטפֿערט, אפשר ווײַל מען האָט אים שוין ניט געהערט.

און דאָס האָט זיך מאַטיע ניט געקענט מוחל זײַן: עטקען די פּאַסקודנע האָט ער צוגעפֿירט, און מאַמלע האָט זיך באַדאַרפֿט שלעפּן צופֿוס...

צוויי אַפּישן

„דער לוסטיקער פּאָרוטשניק! מאָרים שעוואַליע! הײַנט פּרעמיערע! קינאָ יופּיטער!..“

דער אַפּיש אַ ברייטער, אַ ליכטיקער ווי אַן עקראַן, איז מיט אַלע זיבן פֿאַרבן פֿונעם רעגן־בויגן פֿאַרמאָלט, מיט בלימלעך און קרענצלעך באַפּוצט. מאָרים שעוואַליע, שטשירענדיק די ווײַס בלישטשענדיקע ציין ווי פֿון פּאָרצעלײַ, איז אָנגעטאָן אין אַ גראַ־נאַט שטײַף געפּרעסטן מונדיר, באַשטערנט און באַבלעכט מיט גאָלדענע מעדאַלן און קנעפּ. אַן אײַנגעפּאַסטער אין אַ טרענער־ראָם רײַט ער אויף די פּלייצעס פֿון אַרבעטסלאָזן יוזעף.

און יוזעף איז אײַנגעטונקט בלויז אין איין פֿאַרב: גרוי. גרוי די בגדים, דער פּנים. גייט ער פֿון אינדערפֿרי ביז אינאָוונט מיט קליינע שווערע טריט איבער שטאָטיקע גאַסן און רעקלאַמירט אויף אַ שרײַיקן אופֿן דעם קלאַנגפֿילם.

דער ווינטערדיקער ווינט קאַלופּעט אַרום שטיקער פֿון יוזעפֿס שמאַטע־מלבושים, פּלאַטערט אויף זײַנע שלעכט צוגעשפּי־ליעטע פּאָלעס, נאָר אויפֿן קינאָ־אַפּיש גליטשט ער זיך, דער ווינט, ווײַך, עלאַסטיש, ווי אויף אַ זעגל...

איז דער ווינט געגליכן צו דעם קײַלעכדיקן ראָזן קינאָ־דירעקטאָר, וואָס האָט נאָכן באַקוקן יוזעפֿס הילוך אַ זאָג געטאָן פֿילאָסאָפֿיש טרוקן:

— וואָס זײַט איר אַזוי אײַנגעבראָכן, צעדרומסקעט? קיין שענערע הויזן האָט איר ניט? ניין?.. הם... נו, מילא, פֿאַקטיש איז דאָ טאַקע נאָר וויכטיק דער קינאָ־אַפּיש, זאָלט איר אים דעריבער טראָגן הויך, אַלע זאָלן אים זען! ס'אַ טײַערער אַפּיש...

און יוזעף טראַכט טאַקע דעם אַפּיש אַזוי הויך, אַז ער דערגרייכט מיט אים שיר ניט די טעלעגראַף־דראָטן. אַזוי הויך ווי ער טראָגט אַמאָל אין אַ שעה פֿון ליבשאַפֿט זײַן קלײנעם מיכאַל „באַראַנטשיק". אַזוי הויך — ווײַל עס דוכט זיך אים: אַ לעבל ברויט טראָגט ער אויף זײַנע פּלײצעס... און דעם קינאָ־דירעקטאָרס רייד צילן און טרעפֿן אין די באַוווסטזײַנס פֿון שטאָטישע אָן אַ זײַט באַקאַפּעליושטע יונגעלײַטלעך און מוידן. פֿאַר זיי איז ניט וויכטיק דער אײַנגעבראָכענער הונגעריקער יוזעף. זייערע אויגן ווי שמאַלץ־קנײדלעך גליטשן זיך אינדערהייך:

— דער לוסטיקער פּאָרוטשניק! מאָריס שעוואַליע! הײַנט פּרעמיערע, קינאָ „יופּיטער"!..

בײַנאַכט אויף די לעצטע סעאַנסן, סמאָקטשענדיק קאַמפּעט שאָקאָלאַד, וועלן זיי זיך לערנען פֿון שיינעם מאָריס לעבן און ליבן אויף אַ לוסטיק אַמעריקאַנער שטייגער...

יוזעף וועט זיך קוים אַרויס פֿונעם ריזיקן אַפּיש אויף זײַנע פּלײצעס. די גאַס איז גרייט און שטייניק; די אומענדלעכע פֿליסנדיקע שטראָמען מענטשן, אויטאָס, דראָזשקעס שלינגען אים אײַן אין זיך ווי אין אַ טײַך. גאַס אײַן גאַס אויס גייט ער אַדורך ווי דורך ריזיקע, קרומע, צעמענטענע קאַסטנס און מאַכט אַ חשבון אויף וויפֿל טעג, אויף וויפֿל קילאָען ברויט עס וועט אים קלעקן דער פֿאַרדינסט. און ער ציטערט, דער באַלעבאָס פֿון הויף זאָל אים ניט טרעפֿן און באַקומען אַ באַשטעטיקונג פֿאַרן געריכט, אַז ער, יוזעף, איז ניט אַרבעטסלאָז און מען קען אים געזעצלעך פֿון כאַלופּע עקסמיטירן... און אפֿשר זאָל ער גאָר קיין ברויט ניט קויפֿן, נאָר מאַכן אין אַפּטייק די רפֿואות, וואָס דער פֿעלדשער האָט פֿאַרשריבן דער ווײַב צו איר זינגענדיקן הוסט... און אפֿשר זאָל ער נאָר קויפֿן אַ פּאָר געניצטע קאַמאַשן אויפֿן מאַרק, וועט עס זײַן סײַ פֿאַר דער ווײַב סײַ פֿאַרן קלײנעם מיכאַל, וועלכער איז שוין אַכטע יאָר און באַדאַרף גיין אין שול. און אפֿשר זאָל ער נאָר קויפֿן האָלץ! אַך, אַ וועגעלע האָלץ! ער וואָלט גאַנצע נאַכט אײַנגעהייצט די „ווענטל" און זיי וואָלטן, ער

מיט דער ווײַב, פֿאַרשפּאָרט אײַנצוּוויקלען זיך אין בערג טראַנטעס בײַם דערוואַרטען די פֿאַרקאַליעטע לײַבער...

— „סאָריט! דער לוסטיקער! שפּוואַליע! פּאָרוסשניק! ס'אַרא קראַסאַוויעץ ער איז!״ — לייענט אויס שרײַענדיק מיט

אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם אַ באַגײַסטערטע פרײַלן געאָרעמט מיט אַ יונג...

דער אָוונט, אַ טונקל גרויער, אַ פֿאַרנעפּלט געפֿראָרענער ווי אַ מאַטעווע שויב פֿאַלט צו איבער דער שטאָט. די עלעקטרישע לאָמפּן באַפֿלעקן ווי מיט שטיקער מאַטעריע דעם טונקעלן נאַסן־

חלל, וואָס ציטערט אויף אין בלויקייט ווי אַ פֿאַרסמט לבֿנה. דער קינאָ־טאַפּיש, נאָענט צו די עלעקטרישע לאָמפּן אינדערהייך, פֿאַרלירט ניט זײַנע פֿאַרבן; יוסף, אַ פֿאַרטאָגנטער, זעט זיך אַלץ ווייניקער אַרויס... אָבער דער הונגער בושעוועט אין אים אַלץ פֿעסטער; איצט פֿאַרטעסט ער זיך, דער הונגער, מיטן פּראָסטיקן ווינט, חבֿר וועמען כ׳וועט מער איבעריאָגן און פֿאַרפּײַניקן דעם עלנטן גייער... יוסף האָט נאָך אַ סך נאָכן דורכצוגיין. אפֿשר נאָך עטלעכע שעה. און זײַן ליידיקער מאָגן האָט שוין פֿון לאַנג פֿאַר־געסן דעם טעם פֿון דער פֿרימאָרגנדיקער פּאָסנער זאַצירקע...

— יופּיטער! קינאָ! פּרעמיערע! היינט! דער לוסטיקער! שעוואַליע! פּאַרובשניק! — לייענען קוויטשיק און שיקן לוסטקען פֿאַרבײַטאַנצנדיקע מוידן אײַנגעטאַקטע אין פֿוטערנע זשאַקעטן יי

אין וואַזאָנגען...

און יוסף ניט, גייט לאַנגזאַם אין דער טונקעלער נאַסן־ווײַטקייט, מיט דעם גרויסן לאַכנדיקן שעוואַליע־קאָפּ אויף די אַקסלען, ניט זיך פֿון מידקייט צעבויגט אַ הייקער אײַן דאָ רעכטס, דאָ לינקס און קוקט אויס ווי אַ שפּאָגל נײַ באַשעפֿעניש, וועלכע דאָס גרויסשטאָטישע לעבן האָט אַרויסגעבראַכט, אַ טאָפּעלט באַשעפֿעניש, אַ צונויפֿגעקלעפּטס פֿון לעבעדיקן מענטשלעכן פּנים מיט טויטער לבֿנהדיקער פֿרייד...

און אַז ער פֿאַרטראַכט זיך, יוסף, קען ער בשום אופֿן ניט פֿאַרשטיין נאָכמאָל דער פֿריילעכער נאַסן־עולם דערמאָנט עס אים מיט אַזוי פֿיל פֿרייד אָט דעם געמאָליעוועטן פּראָנט, וועלכן ער טראָגט אויף די פּלייצעס... אַ בײַקע אַזאַ! אָט האָט ער נעכטן אינאָוונט קומענדיק אין קינאָ וועגן דעם שטיקל אַרבעט, אַרײַנגע־רוקט אויף טשעקאַוועס די נאָז מיט די וואָנצעס אַהינטערן פֿאָר־האַנג פֿון טונקעלן זאַל. און — באַטעלעך בײַנע! וואָס האָט ער דאָרטן דערזען: דער יונג וועמען ער טראָגט אויף די פּלייצעס האָט זיך געקושט, געטאַנצט און כּמעט געפּראַוועט הינטישע שטיק מיט פּרײַלנס... דאָס זעלבע וואָס אַמאָל יוסף אין הויף ווי ער ווינט, דורך אַ פֿענצטער פֿון פּאַן ווערבלעוועקים אָדער איצקאָ־ווינס דירה... און יענע — ניט נאָר זיי בעטן זיך באַצאָלן

פֿאַר אַ בילעט, נאָר לאָזן אַראָפּ די שטאָרן אויב זיי באַמערקן,
אַז מען קוקט אויף זיי... און אַז די געדאַנקען צעשפּילן זיך בײַ
אים ווײַטער, דערמאָנט ער זיך: מיט עטלעכע יאָר צוריק זײַנען
פֿאָרגעקומען וואַלן אין לאַנד. האָט אים איינמאָל אין אַ פֿריבאָרגן
אַוועקגערופֿן דער שכן זײַנער, יאַנעק דער גאַנבטאַר, אין אַ פֿאַרייַן.
דאָרטן האָט מען אים מכבד געווען מיט פּאַפּיראָסן, גערופֿן „חבר"
און אָנגעוויזן אויף אַן אַפֿיש אין אַ טרעגער־ראָם ווי ס'איז געווען
אָנגעמאָלט אַ גרויסער זיבן מיט עטלעכע ווערטער: „אַרבעטער!
דײַן ליסטע איז 7!"
געווענדט האָט מען דאַן צו אים פּראָכט און מילד: איר
באַקומט דרײַ גילדן פֿאַרן טראָגן עס היינט איבערן שטאָט. דער
עיקר — אין די אָרעמע קוואַרטאַלן. איר דאַרפֿט דעם אַפֿיש
שטאַרק היטן, אַז לאָבוזעס זאָלן אים ניט שעדיקן. ניט צוליב
די דרײַ גילדן דאַרפֿט איר עס טײַער האַלטן, נאָר ווײַל ס'איז
אויך אײַער אַן ענין, איר פֿאַרשטייט!
איז יוסף דאַן געגאַנגען מיט אַ פֿריידיקער שטאָלצער שטי-
גונג איבערן שטאָט. געטראָגן מיטן גרויסן 7 אינדערהייך ווי מיט
אַ פֿאָן און אין בוזעם־קעשענע זײַנען בײַ אים געלעגן צוויי קליינע
זילבערלעך, וועלכע ער מיט דער ווײַב האָבן טאַקע אינאָווענט אַרײַנגע-
וואָרפֿן אין אורנע. געהאָלפֿן קלײַבן אין פֿאַרלאַמענט אַ „נאַש בראַט".
און בלויז די ביידע נייט האָט אים דאַן אַ שטעטעוודיקן
געטריבן צו נעמען פֿון יענער חברה די דרײַ גילדן...
און אַז ער דערמאָנט זיך עס איצט, גיט ער אַ פּראָסטיק
בײַזן קוק אויפֿן לאַכעדיקן שעוואַליע איבער זיך און טראַכט, אַז
די צײַט פֿאַרענדערט זיך נאָר פֿאַקורונט, אַז אויך צרות זײַנען
פֿאַראַן פֿײַנע און מיאוסע...
אַ פֿאַרטראַכטער קומט ער צו דער ברייטער גאַס. דער
ווינט איז דאָ אַ סך שטאַרקער, פֿרײַנדלאָזער. דער פֿראָסט בײַסט
זיך אײַן ווי מיט הינטישע ציין אין יוזעפֿס נאָז און אויערן, פֿאַר-
קריכט אין זײַנע טשאַרלי־טשאַפּלין־הענטשקעס, וועלכע די ווײַב
האָט אים אויסגענייט פֿון אַלטע סקאַרפּעטן. דער שטאַנג ווינט
זיך, און איצט קרעכצן ביידע: דער אייבערשטער צפֿיש מיטן

אונטערשטן... די פליענדיקע אויטאָס מאַכן ווירבלענדיק דעם ווינט, שלעפּן אַרײַן יוזעפן אין געדרײ. יוזעף וויל אַריבערגיין אויף דער צווייטער זײַט גאַס ווײַל זיך פאַרנעמען אין אַ דערבײַיקן וואַוולעק, מײַדט ער אויס מיט די לעצטע כּוחות ווײַס־שוימיקע פאַרבײַקאָכאַיענדיקע דראָושקעס. מען שרײַט צו אים, מען טרײַ־מיטערט, דער אַפּיץ ווי אַ וועגל אין שטורעם אויפן אָפענעם ים, בײַנט זיך הצסטיקער, קרעכצט, רײַסט די שטריק — יוזעפס פאַרפראָרענע הענט. ער שפּרינגט אָן די לעצטע כוחות און נעמט זיך אַדורכרײַסן דורך צענדליגער גרויסע הײסע אויגן אַנטקעגן אים: אויגן פון פערד, אויגן פון אויטאָס און צווישן צלעמטן — די בלויע אויגן פון זײַן ייבּ און פון דעם קליינעם מיכאַל, וועלכע ווײנען, ווײנען

עס געלינגט אים ענדלעך אַרויסצוקריגן זיך אַ גאַנצער פון צווישן די אָפּגעשטעלטע זיך קרײצנדיקע אויטאָס, פורן, טראַב־ווײַען, און אָפּרוען זיך אין אַ ווײַטיקן טויער. דאָ ערשט דערפילט ער ווי אַ פּאָר גראָבע פינגער וואָלטן אים אין האַלדז אַרײַנגע־קראָכן. עס פאַרפעלט אים אָטעם... די ברעמען ווערן אים שווער, ווי מיט בלאָטע באַקלעפּט... אַ הייסער פונק ברענט אויפן שטערן... ער פאַלט אַנידער אַ פאַרקרימטער. דער אַפּיש באַדעקט אים...

נאָר באַלד, באַלד וועט זיך צרום אים אַ טיטפילנדיקער אײנגענער המון צונויפקלײַבן. מײַלער וועלן באַדויערן, וויסצן, שילטן; פויסטן וועלן זיך פאַרשטײַפן אין ווייטאָג און האַס. דעם קינאָ־אַפּיש וועט מען מיט די פיס צעטרעטן. עס וועט קומען די „ניכט הילף". נאָר דערווײַל ליגט יוזעף אַ פאַרחלשטער און דער לוסטיקער פאָרושניק — מאָרים שעוואָליע ליגט איבער אים און לאַכט...

לערערין אידע

דורך די ברייטע צעעפנטע פענצטער האָבן זיך די פרימאָרגן־שטראַלן פון דער זון צוגעטאַפּט צו די שלאָפנדיקע אויגן פון דער לערערין אידע און זיי אַדורכגעלויכטן; אַ ווינטעלע האָט זיך צוגעשטעפּט צו אירע צעשפּרייטע בלאָנדע האָר אויפן קישן געשוויבערט זיי און געגרייזלט אַ רגע, צוויי, ביז וואַנען דער קליינער אײַנגעוואָרעמטער קערפּער האָט זיך אויסגלײַכן גענומען און אויפגעוואַכט. אַ מידקייט האָט זי געלײַך דערפילט אין אירע דינע מיידלשע גלידער נאָך פון נעכטן, ווען זי איז ביז שפּעט בײַנאַכט געזעסן אויף דער אַלטאַנקע און פאַר אַ לאָמפּ־שײַן צונויפגעקלעפּט פון בײַנעלעך קאָלירטע פּאַפּיר און קאַרדאָן די מאַסקעס און קאָסטיומען פאַר אַ פּרינץ, אַ מכשפה און אַ בער צום הײַנטיקן קינדער־אָוונט. נאָר צו גלײַך מיט דער מידקייט האָט זיך אָפּגערופן אין אירע אויערן דער עכאָ פון די קינדערשע שטימען וואָס האָבן אויף דער „גענעראַל־פּראָבע" אַזוי קלינגענדיק דרייסט און קינדיש אויפריכטיק אָפּגעשפּילט די ראָלן... און זי האָט מיט פאַרגעניגן צעעפנט די אויגן צאַלק ברייטער, די הענט צעשטרעקט אַנטקעגן דעם נײַעם טאָג, אײַנגעאָטעמט פולברוסטיק די שטײַפע אַרומיקע וואַלדלופט.

פון דער דערבײַיקער ווערענדע האָבן זיך דערטראָגן די שטימען פון די קעכינס פון קינדער־פּאַנסיאָן וואָס האָבן געגרייטן צום פרישטיק. אַ קוויטשיקע געקלימפּערײַ פון גלעזער, טעצלעך האָט פריילעך זיך געכוואַליעט צו אירע אויערן. ה[illegible]לפט עס איר נאָך מער זיך צו דערמאָנען אָן דער שטיבעלע [illegible] קליינער ליזע, דאָס טעכטערל פונעם שיכל־קרעמער וואָ[illegible] אַזוי געראָטן זיך אויסגעלערנט דעקלאַמירן „דאָס ליד פון אַרבעטער", און ווי נאַטירלעך דער צעניעריקער מישינקע, וואָס האָט שוואַך יידיש געקענט, דעקלאַמירט אַ שטיק שלום־עליכם... און ווי וואַלבעפינגט שפּילט מען ע[illegible]ם וואַלד־מיידעלע" און ווי די גאַנצע פריילעכע חברותא [illegible]ישות ווינגט אין כאָר און מאַכט גימנאַסטישע איבונגען!..

עס האָבן איצט געפּולסירט אין אירע אָדערן, אַדורכגעמישט מיט יונגן בלוט, יענע שטיקער פֿרייד, וואָס וואַקסן אָן בײַ אַ לע־רערין מיט אמתע נאַטירלעכע פּעדאַגאָגישע פֿעיִקייטן און מיט אַ ברייטן האַרץ פֿאַרשטענדעניש פֿאַר קינדער. אַפֿילו פֿאַר אַזאַ חבֿרותא פֿון פּוסטע יינגלעך און מיידלעך ווי אירע האָדעוואַנקעס...

מיט אַ דריטהאַלבן חדשים צוריק, ווען זי האָט פֿאַרנומען דעם פּאָסטן אין דער קינדער־אָפּטיילונג בײַם פּאַנסיאָן פֿון באָריס צינזער, האָט זי זיי אַרײַנגענומען אין אירע הענט. קינדער צע־וואַקסענע מיט גראָבע בײַכלעך, קינדער מיניאַטור־גבֿירימלעך, קינדער צעפּלוינטע, קאַפּריזנע. אָט פֿון דער גרילצנדיקער מחנה, וואָס האָבן איר שיִער ניט אַ טויט געמאַכט מיט זייער אַרומשטיפֿן, האָט זי אויסגעבילדעט אַ דיסציפּלינירטן קלאַס קינדער; מיט אַפּ־ביציע, געהאָרעוואַטקייט און שיִער ניט מיט אַ נייגונג צו סצענישער קונסט...

כאָטש עס איז נאָך פֿרי געווען און די מידקייט האָט אַלץ ווייטאָגדיקער געדרונגען אין אירע גלידער, האָט זי זיך אָנגע־כאַפּט. אַ סך אַרבעט איז געלעגן אויף איר קאָפּ. זי איז דאָך געווען די איניציאַטאָרין פֿון דער פֿאָרשטעלונג. דער בערדיקער גרוי־גרינער פּאַנסיאָן־אײַנגעמער צינזער האָט בלויז אויף אַלץ צוגעבאַמקעט מיט זײַנע מילצענע בלויע ליפּן און געפּרוּווט ריידן פּעדאַגאָגיש:

— אַ פֿאָרשטעלונג? פּאָזשאַלוסטאַ! שטעלט דעם „פּרינץ פֿון וואַלד־מיידעלע". ס'איז פּרימאַ! איך האָב דאָך אַמאָל קינדערווײַז געשפּילט טעאַטער! די מאַדאַמען וועלן אײַך דערפֿאַר קויפֿן אַ פֿײַנע מתּנה...

ער פּלעגט זיצן גאַנצע טעג בײַם רעכנברעט, אויסבײַנדלען די הכנסה און הוצאה פֿון זײַן אונטערנעמונג און ניט מיד ווערן צו דערציילן פֿאַר די מאַדאַמען, וואָס פּלעגן עטלעכע טעג אין וואָך קומען ווענן און מעסטן די קילאָען פֿון זייערע קינדער, ווי ער איז פֿאַר דער מלחמה געווען דירעקטאָר פֿון אַ קינאָ אין ווי־טעבסק, שפּעטער אַ הייזון־פֿאַבריקאַנט, נאָכדעם הויפּט־בוכהאַלטער אין אַ מאָסקווער באַנק און איצט... דאַרף ער זיך ניאַנטשען מיט קליינוואַרג... די מאַדאַמען האָבן גערעדט מיט אים אַ מיאוסן רוסיש, גערויכערט פּאַפּיראָסן און צו דו געלאָזט דאָס קליינוואַרג מיט דער לערערין אירע.

אין זי זיי דאנקבאר געווען. א געוויזענע שילערין פונעם יידישן לערער־סעמינאר, האט זי זיך דא אריינגעקומען מיט גרויס שוועריקייט און רעקאָמענדאַציע, און באוויזן אריינצושמוגלען אין די קינדערישע מײַלער א פּאָר פײַנע אַרבע־טער־לידלעך. זי האט זיך געקוויקט הערנדיק פון די קליינ־ביינערלעכע קינדער עכטע סאָציאַלע טענער...

אין משך פון גאַנצן הײַנטיקן טאָג האט זי זיך אויף אַ רגע ניט צוגעזעצט. אליין איז זי געגאַנגען אין וואלד נאָך בלעטער און בלומען; באַפּוצט די סצענע, דעם קליינעם זאַל. געשלעפּט דעם קלאַוויר אויבנאָן. אריינגעכאַפּט נאָך א פּראָבע מיט כאָר, מיט דער גימנאַסטישער גרופּע. פונאַנדערגעשיקט די לעצטע אײַנלאַדונגען. נאָך האלבן טאָג צוגעפּאָרן אין שטאָט אָפּ־נעמען די נײַע קלייד, וואָס זי האט זיך קוים דערלעבט צו מאַכן. ענדלעך געקומען באַצײַטנס אין געהאָלפן אָנטאָן זיך, פאַרגרימירן די קינדער...

און ווען „אָט איז דער יום־טוב שוין געקומען" האט געזונגען דער כאָר, האָבן בײַ דער קליינער לערערין אידע די דורכזיכטיקע הענט ווי פון צעלולאָיד געציטערט דירעזשירנדיק, און די פיס האָבן זיך ווי פון גומע געבויגן... נאָר אירע אויגן, ווי ס'איז איצט געווען אָנגעזאַמלט א פרישער קוואַל פרייד און ענערגיע, האָבן צוריק שטײַף געמאַכט די גלידער.

די קינדער, יום־טובדיק געשטימט, מיט פולע באַקן, רויט אויסגעפּאַטשט פון דערנערונג און וואַלדלופט, וועלנדיק געפעלן ווערן די עלטערן אין זאַל, האָבן געזונגען דרייסט, מיט געפיל; מיט ליבשאַפט האָבן זיי געקוקט אויף דער לערערין אידע, צו וועמען זיי האָבן זיך צוגעבינדן ווי צו א גינציקער מאַמע.

בעת דער פאָרשטעלונג פון „וואַלד־פייגעלע", שטייענדיק הינטער די „קוליסן", האט אידע מיט א קלאַפּנדיק האַרץ נאָכ־געפאָלגט, נאָכגעשעפּטשעט יעדן וואָרט, געווונקען צו די „אַק־טיאָרן" פריידיק, און אַז ס'איז געגאַנגען ווי געשמירט, האט זיך אין איר צעשפּילט יענע ליידנשאַפטלעך צופרידנשטעליקע תאווה וואָס עס האט א וואוכערער בײַם צײלן פראָצענט...

אין זאַל זײַנען פאַרשיידענע מאָרמן דאַמען און הערן גע־זעסן: מיט צווייט, מיט דריי מאָרדעס... דאַמען גראָבע, שוואַרץ אָפּגע־

ברענטע ווי אַבעסיניערינס און שלאַנקע ווײַסע, ווי פּאַריזערינס...
מען איז זיך צוזאַמענגעקומען אין אינטעליגענטן קינדער־פּענסיאָן דוכט זיך ניט צוליב דער קינדער־פֿאָרשטעלונג, נאָר אַליין אָנ־טיילצונעמען אין אַ פֿאָרשטעלונג פֿון באַקוקן און באַריידן איינער דעם צווייטן... די הערן האָבן זיך געשמאַק אָדורכגעשמועסט וועגן סחורה, וועקסלען; רעאַגירט אויף דער פֿאָרשטעלונג האָבן בילעכווײַז נאָר די דאַמען. טייל פּנימער פֿון זיי האָבן געקוואָלן פֿון נחת, קוקנדיק אויף די זינדלעך און טעכטערלעך וואָס האָבן געשפּילט די „הויפּטראָלן". נאָר הויפּטראָלן זײַנען געווען בלויז פֿיר, האָבן טאַקע אַנדערע מוטערס שטאַרק פֿאַריבל געהאַט אויף דער לערערין אידע: פּטשטש, מיט וואָס איז חיימאָוויטשעס מיידעלע שענער פֿאַר ליובעטשקען? יענע שפּילט פֿאַר אַ בת־מלכּה און ליובעטשקע — אַ דינסט... מער אַן אַנדער טייל דאַמען איז די הזל באַלויכטענע „סצענע" נאָר געווען אַ מין וואָג און מאָס צו אָבסערווירן, אויב זייער פּענסיאָן־געלט איז אין ניוועץ ניט אַוועק און וועמעס קינד ס'האָט „צוגענומען" מער קילאָען. ערשט איצט איז מען געקומען צו גאָר ניט קיין פֿריילעכע רעזולטאַטן...

— דו ווייסט — האָט זיך אָפּגערופֿן די שוואַרצע באַבילטע מאַדאַם שוק צו איר שכנטע — מײַן באָרינקע האָט זיך גאָרניט פֿאַר־ריכט! זע ווי בלייך ער איז אויף דער סצענע. שרעקלעך! צוויי הונדערט פֿופֿציק גילדן קאָסט עס מיר שוין... ס'איז אַ סורמע, ניט קיין פּענסיאָן!

— דאָס איז ריכטיק! האָט זיך אָנגעכאַפּט די בלאָנדע מאַדאַם גליקסאָן, מײַן אַלינקע זעט אויך אויס ניט גוט אויף דער סצענע...

האָט שוין אַ דריטע מאַדאַם נאָר געפֿונען די סיבה פֿון אַלע קלאָגן — מען מאַטערט זיי צו פֿיל! — טענהט זי — נאָכמאָל וואָלן זיי פֿאַטערן געוווּנט צו שפּילן טעאַטער?

און די לערערין אידע איז געשטאַנען הינטער די קוליסן און געפֿילט, ווי פֿרײדיקע טרערן שפּאַרן איר פֿון די אויגן. די פֿאָרשטעלונג האָט איבערגעשטיגן אירע אַלע דערוואַרטונגען. זי האָט דאָס קליינוואַרג שיער ניט נאָך געמאַכט פֿון קושן... און אין זיי האָט אויפֿגעקאָכט די אַלטע אַקטיאָרישע לײַדנשאַפֿט... זיי האָבן זיך גאָרניט געוואָלט שיידן מיט דער בינע און מיט זייער „רעזשיסער" — דער לערערין אידע...

אַפּלאָדירט האָט מען ווײניק. נאָר אידע, אַ באַנײַסטערטע פון די קינדער, האָט בכלל נאָרניט געהערט... פּלוצים איז זי אָבער געקומען צו זיך: די דעקלאַמאַציעס הײבן זיך אָן! ווי וועט דער עולם אױפנעמען די אַרבעטער-לידלעך?.. ווײַזט זיך אַרױס, מען אַפּלאָדירט שטאַרק! מען אַפּלאָדירט דעם צעניעריקן צאַלוש האָראָוויץ מיט די ווײַניק רויטע באַקן און ווײַסע האָר, וואָס דערצײלט אַזױ קינדיש מיטשפּילנדיק און תמימותדיק וועגן אַן אַרבעטסלאָזן... בלײַבט די לערערין אידע פרײדיק איבערראַשט — עס איז אַדורך אָן אינצידענטן — קלערט זי...

נאָר דער אמתער שטורעם האָט אַ פּלאַטער געטאָן איבער די שוואַכע פּלײצעס פון דער לערערין אידע בײַ דער גימנאַסטישער אָפּטײלונג. ווי נאָר די קינדער האָבן דורכגעמאַרשירט איבער דער בינע אין ספּאָרט-קאָסטיומען, אָנבאַלעקנדיק דעם רײַך פון די יונגע, מוסקולירטע, ראָזע גופימלעך, האָט שוין די מאַדאַם ושוק מערניט געקענט אױסהאַלטן: איצט האָט זי בפירוש דערזען דעם קערפּערל פון איר יאַטל אַם פּונקט אַזאַ, ווי זי האָט אים אַוועקגעגעבן אין פּאַנסיאָן!.. הונדערט פופציק גילדן ווי אין בלאָטע אַרױסגעוואָרפן — קלערט זי ווילד.

— צו וואָס דאַרף מען דאָס! — שרײַט זי שוין אין דער הײך, נאָר אַן חרפּה, צו די אַנדערע שכנטעס — צו וואָס מאַטערט מען זײ נאָך מיט גימנאַסטיק?!

— אַוודאי, אַוודאי! באַמקענען צו די פּאָר שכנטעס לעבן איר, ניט וועלנדיק אַנײַנרײַסן מיט דער רײַכער מאַדאַם ושוק...

— סאָ וואָס שווײַגט מען, ראַדי באָגאַ?! ליאַרעמט זי און מאַכט מיט די הענט ווי מיט פליגלען — לאָמיר זײ אַראָפּשלעפּן פון סצענע און מיטנעמען אַהײם! דעם באַלעבאָס פון פּאַנסיאָן וועל איך געבן אַ נאָב, אַז די קלאָג וועט אים כאַפּן! — שילט זי שוין מיט אַ פאַרשנירטן קול ווי אַ מאַרק-ײִדענע...

— און אפשר איז נאָר שולדיק די לערערין אידע — זאָגט מאַדאַם גליקסאָן.

— אַוודאי די לערערין אידע, זי האָט דאָך זײ געמאַטערט די גאַנצע צײַט!

— זי דערצײט זײ שלעכט!

— לערערין אידע! לערערין אידע!

מיט ווילדע קעציִשע בליקן האָט מען זיך אַרײַנגעשטאָכן אין דער לערערין אידע אויף דער סצענע, ווי זי וואָלט אַ בייזע מכשפה געווען...

און פון סצענע אַראָפּגייענדיק, מיט אַ טריקענעם אין מויל, נאָר מיט אַ קוים באַמערקלעכער שמאָלצער מינע פון אַ זיגערין, האָט אידע דערזען קעגן זיך אַ באַנדע: אַ קופּע גאַל־גרינע פּלי־שיקעס, צעקרימטע ווײַבערשע צורות, מיט צעעפנטע קלאַפּעדיקע מײַלער, וואָס האָבן שיר ניט צעביסן דעם דערשראָקענעם צוזעער און אָט־אָ דערלאַנגטן זיי זיך עס אַ לאָז צו איר...

— לערערין אידע! איר האָט דאָך פאַרמאַטערט אונדזערע קינדער! — דאָס איז אַ נאַכאַלסטווע! איר זײַט אַ כאַמוווקע, ניט קיין לערערין!

— אין אַ פּאַנסיאָן דאַרף מען עסן און ניט שפּילן טעאַטער!

— הערט אַ מעשה, הערט! טפו!!

... האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט אין דרויסן אַ שמוציק אָפּגע־בריטע, ווי פון אַ שרעקלעכער פּראָסטער שוויצבאָד, וואָס איז גאָרניט צוגעפּאַסט פאַר איר געזונט אין כאַראַקטער. די אַרומיקע געדיכטע נאַכטיקע וועלדלופט, וואָס האָט זיך אַרום איר ווי אַ ווײַ־דענער קילער טויל אַרומגעוויקלט, האָט איר ניט אָפּגעפרישט, ווײַל עס האָט געאַווערט פון דעם מיט פּאַנסיאָן, מיט שמאַלץ, מיט עקלדיק נאַרישע מאַרקמישע דיבורים... איז זי געלאָפן, די קליינע לערערין אידע, מיט אומרויִקע טריט צום ראַנד פון טונ־קעלן וואַלד, איבער די פעלדער, ווו בײַם בלויען האָריזאָנט זײַנען אויסגעמישט מיט שטערן די ערשטע פײַערלעך פון דער שטאָט. נאָר ווען זי האָט זיך אָן אַ קוסט פאַרשטעפּט, האָט זי זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט. עס האָבן גענומען קלינגען אין אירע אויערן צאַרטע קינדערשע שטימען... ווייכע הענטלעך האָבן איר געשלעפּט פאַרן קלייד, געגלעט אירע באַקן, אירע האָר, געקושט איר מיט הייסע ליפּעלעך, גערופן: „לערערין אידע! לערערין אידע!"

א טאַנבל אויף צוויי טאָרבן

— פּיווקע, דעם אמת זאָג, איך עקספּלואַטיר דיך?! זאָג, אַניט באַפּטסטו אין באַק!..

אַזוי האָט זיך צעפנערופן דער שניטקרעמער קאַפּל קאָפּעלאָוויטש צו זיין שיקיינגל, האַלטנדיק יענעם פּעטש פאַר דער קלאַפּע פון זיין צעריסן מאַנטעלע. און אַז פּיווקע, אַן אַיינגעהויקערטער אין דריטן, האָט געשוויגן צוליב שרעק און צעטומלטקייט, האָט זיך קאַפּל אומגעדרייט מיט נצחון צו די צוויי פאַריינס-פאָרשטייער:

— איר זעט, חברים, ער שווייגט! איר'ט ניט געטראָפן דעם אָרט! איך בין ניט קיין עקספּלואַטאַטאָר. איך בין אַליין אַ שטיקל סאָציאַליסט — ביז ניט לאַנג האָב איך געלייענט די „אַרבעטער-צייטונג", נאָר לעצטנס האָבן זיי עפּעס גענומען דרייען אַ קאַט וועגן איינהייטלעכן פראָנט; כ'ווייס... מיט דעם, זעט איר, בין איך ניט מסכים...

— ביידע פאַריינס-פאָרשטייער האָבן זיך איבערגעקוקט און ביידע גלייך האָבן אַראָפּגעווישט פון די נעזער די שמייכלען, וואָס האָבן זיך שיר ניט אין געלעכטער צעפּלאַצט...

— פּאַניע קאָפּעלאָוויטש, — האָט זיך אָפּגערופן איינער, — אפשר צוליב דעם, וואָס איר זייט אַ שטיקל סאָציאַליסט ווילט איר געבן דעם יינגל אין באַק?!..

— ווער? וואָס? איך? אין באַק על איך אים געבן? נאָט באַהיט, — האָט זיך קאַפּלס פּנים פאַרקרימט, — עס רעדט זיך אַזוי. וויפל מאָל זאָגט מען אפילו צו אַן איינן ווייב: גיי מיט אַ פייער!

פונדעסטוועגן זאָל זי נאָר זײַן אַ קרומע מינע, לויפט מען אַרום ווי אַ משוגענער נאָך דאָקטוירים, אמת צי ניט, האַ? און וואָס לאַכט איר? — האָט זיך קאָפּל באַלײַדיקט אויף די פאַרײַנס-יאַטן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר די זײַטן, — איך וויל אײַך נאָר אויפווײַזן, אַז כ׳בין דער זעלבער סאָציאַליסט וואָס איר!..

— וואָס לאַכן מיר? — זאָגט איינער, — איך, למשל, לאַך, וואָס איר מאַכט אויף מיר דעם אײַנדרוק — מיט אײַער אידעאַליזם — פון אַ מאַנטל אויף צוויי באָרטן... אַז דער מאַנטל איז נײַ, פאַרקנעפּלט מען אים אויף רעכטס און אַז דער רעכטער זײַט ווערט אָפּגעריבן — פאַרקנעפּלט מען אים אויף לינקס...

— פּאַניע קאָפּעלאָוויטש, — האָט זיך אָפּגערופן דער צווייטער ערנסט, — לאָמיר ריידן צו דער זאַך: איר נעמט צו צוריק דעם אָנזאָגן אַרבעטער רוזשעוויצקי, אָדער מיר נעמען אַראָפּ פון דער אַרבעט דעם גאַנצן פּערסאָנאַל!

— קיין מאָל ניט! — האָט קאָפּעלאָוויטש שוין טאַקע נאָר, נאָר ערנסט אַ געשריי געטאָן, — רוזשעוויצקי איז אַ מיאוסער טיפּ, אַ לומפּן-פּראָלעטאַריער, אַזוי צו זאָגן... איר טאָרט זיך נאָר פאַר אים ניט אָננעמען, חברים...

— גענוג מיט אײַער פּאַרטײַישקייט, — האָבן בײדע פאַרײַנס-יאַטן אַ טאַך געטאָן מיט די הענט, — רעדט צו דער זאַך!

— וואָס זאָגט איר צו זיי! — האָט זיך קאָפּל געהיצט, און זײַנע באַקן זײַנען טאַקע געוואָרן סאָציאַליסטיש רויט, — איך בין שוין דאָס טאַקע בײַ אײַך דער אמתער פאַשיסט? און אַז ער ניט מיר בונטעווען די מענטשן נאָכמאָל מען אַרבעט מיט אַ שעה שפּעטער אַמאָל, איז ער דאָס דער סאָציאַליסט?! קוים וואָס מען זשיפּעט... שפּײַערן... באַנקראָטן... און טאָמער מען לייזט אַמאָל בין שפּעטער, פאַרגינט ער ניט... זאָל ער גיין!

— אַלואָ, נעמען מיר אַראָפּ דעם פּערסאָנאַל פון דער אַרבעט און מיר שטעלן אין דער פּרעסע, אַז בײַ אײַך קומט פאַר אַ שטרײַק.

— הערט זיך אײַן, סטראַשעט ניט די וואַנצן! — האָט קאָפּעלאָוויטש בייז און העלדיש געשריגן, — כ׳ל אײַך דערציילן

אַ כּלה, אַז איך האָב אַמאָל אויך געשטריקט און איך ווייס ניט וואָס מען עסט דאָס!

און אַז זײַנע פינף אָנגעשטעלטע האָבן זיך טאַקע נאָך דער אָנווײַזונג פון די פאַריינס־פאָרשטייער גענומען אָנטאָן, גרייט צו שטעלן זיך שטרײַקן, האָט זיך קאַפּל קאָפּעלאָוויטש אַ לאָז געטאָן צו יעדערן באַזונדער, אײַנטענהנדיק מיט זײַנע אַלע צען פינגער דאָ מיט גוטן, דאָ מיט בייזן:

— איר קלײַבט זיך טאַקע צו שטרײַקן, האַ? אַ פּנים אויף אײַך! דו, מענדל? און דו, איציק? און דו אויך, הערצל? ווייניק שנעפּס האָבן מיר צוזאַמען געמאַכט? און ווער האָט דיר חתונה געמאַכט, קאַרפּקע, אויב ניט איך?

— גיכער, גיכער, חברים, פאַרלאָזט דעם געשעפט, — האָבן די פאַריינס־לײַטן צונויפֿגעלט, — פאַרהערט זיך ניט מיט אים!

און קאַפּעלאָוויטשעס אָנגעשטעלטע האָבן זיך טאַקע צעבוּ־טעוועט ניט אויף קאַטאָוועס. אין יעדערנס האַרץ האָט גע־בוּזעט דאָס ועלבע: מען באַדאַרף אים אָנלערנען דעם רויטן באַלעבאָס — ווי זיי האָבן אים גערופן. הײַנט אַנטאָנט ער מיט זיסינקע רייד יענעם, מאָרגן — מיר; און זײַנע שנעפּסלעך? אין די ביינער איז עס זיי אַרײַן! עס טרעפט אָפטמאָל פרײַטאָג צו נאַכט, פאַרן אויסצאָלן שכירות, הייסט ער, קאַפּעלאָוויטש, דער ווײַב אַרײַנטראָגן פון קיך עטלעכע שבתדיקע אייער־קיכלעך, פון קעשענע ציט ער אַרויס אַ האַלבע קוואָרט. און פון זײַן רויטן פלײ־שיקן פּנים מיט דעם האַרבן בערדל, שלעפּט ער אַרויס דעם פרומסטן שמייכל.

— טרינקט, חברה! — זאָגט ער ניט מער און ניט ווייניקער — טרינקט פאַרן סאָציאַליזם, בע, בע, בע!

ווייסן שוין די אָנגעשטעלטע, אַז שכירות וועלן זיי הײַנט קריגן פונקט אַ דריטל... נאָר מען טרינקט! — און מען טמאַליעט אונטער די פאַרביטערטע הערצער, ווײַל מען וויל קיין חזירים ניט זײַן, ניט קוקנדיק וואָס ער, קאַפּל קאָפּעלאָוויטש, איז בראָד אַ גרויסער דבר־אחר...

און קאָפּל קאָפּעלאָוויטש האָט דאַן אַלץ אונטער די חברטע שטימונג:

— סענדל! — נעמט ער זיך אַרום מיטן עלטסטן מענטשן — קום מיט מיר היינט אין באָד! איך פונדעווע דיר, סע האָט זיך צעבראָכן ביי מיר אין שטוב די וואַנע!..

און אַז דער ענין פון באָד פלעגט מאַקע ערליידיקט ווערן, פלעגט עס נאָכדעם זיין פאַר קאָפּעלאָוויטשן נאָך אַ מאָטיוו אונטערצושטרייכן פאַר יענעם איינציקן זיין אידילישן צוזאַמענלעבן מיט די אָנגעשטעלטע. סענדל אָבער פלעגט עס אויסטייטשן נאָר אַנדערש:

— אין באָד — זאָגט סענדל — דערזע איך ערשט ווער ס'איז פון אונדז ביידן פּראָלעטאַריער און ווער בעלעבאָס... איך דערזע קאָפּעלאָוויטשעס רונדע פעטע בייכל, און איך דערזע מיין איינענעם ביינערדיקן, חרובן ברוסטקאַסטן...

דריי טעג ציט זיך שוין דער שטרייק. און צו גלייך מיטן בעלעבאַטישן חשק צו געווינען, האָט קאָפּעלאָוויטשן געכוועלט דער סאָציאַליסטישער געוויסן... צאַ חרפה, צאַ חרפה, — קלערט ער, — ביי אים זאָל מען שטרייקן! ער, וואָס שטמט צווישן חברה סוחרימלעך אויף דער האַנדלסגאַס פאַר אַ לינקן! און וויפל מאָל ביי אַ שנאַפּס, פלעגט ער זיך עס אויסעסן אַ שטיק האַרץ אַבנטענהדיק מיט זיי, די איינגעשפּאַרטע רעאַקציאָנערן — ווי ער רופט זיי — אַז אין רוסלאַנד איז נאָך גאָרניט אַזוי שלעכט... קיין ציוניסט איז ער אויך ניט. און ס'איז אַ סברא, אַז ער האַלט פון בירעבידושאַן...

און איצט... קאָפּעלאָוויטשעס נאָמען איז געלעגן אין די מיילער פון באַקאַנטע סוחרימלעך און מען האָט אים געפּיפּקעט און פאַרצויגן ווי אַ געשמאַקן פּאַפּיראָס...

— איך בין אַ ציוניסט, — זאָגט איינער, — האָט מען נאָך ביי מיר ניט געשטרייקט און ער, דער צעצעליסט...

— ווי כ'קומט צו דער כטבע... — זאָגט אַ צווייטער.

... פון וואַנען עס האָט זיך גענומען ס'ביסל סאָציאַליזם צו קאָפּל קאָפּעלאָוויטשן, דעם בעלעבאָס פון גרויסן מאַנופאַקטור-

געשעפט, איז באמת שווער צו זאָגן... מעגלעך, אַז ס'איז בײַ אים געווען אַ צוטשעפעניש... אַט פונקט ווי אַ מאָזאָל, וואָס וואַקסט אַמאָל אויס אויף אַן אויסגעצערטלטער האַנט, ווער ווייס פון וואָס פאַר אַ סיבות... נאָר אַ פאַקט איז — ער האָט איצט געזוכט זיך רײַנצוואַשן... ווי נאָר ס'האָט זיך באַוויזן אין דער ראַדי-קאַלער צײַטונג דער קאָמוניקאַט פון פּאַרײַין וועגן שטרײַק בײַ אים, איז ער אָוועקגעלאָפן צום רעדאַקטאָר אַליין. פון דער טעקע האָט קאָפּעלאָוויטש אַרויסגעשלעפּט צוזאַמען מיט אַ פּעקל קונדישע וועקסעלעך אַ צווייט פּעקל אַרבעטער-צײַטונגען, בראָשורן, און שיר ניט אויסגעשטאָכן דעם רעדאַקטאָר די אויגן:

— זעט, קענט וועטן זיי פירן אַן אַקציע? קעגן מיר! מיר באַשרײַבן ווי אין די בלעטער! איך, וואָס בין אַן אַבאָנענט פון דער אַרבעטער-צײַטונג! איך, וואָס פּאַרליר קונדן דערפאַר ווײַל כ'בין ניט קיין ציוניסט! איך, וואָס איך באַפרײַ ווי דעם ערשטן מאַי פון דער אַרבעט מיט דרײַ שעה פריער!.. האַ!

— ס'איז אַ פײַנער מאַטעריאַל פאַר אַ הומאָרעסקע — האָט געזאָגט דער רעדאַקטאָר שמייכלענדיק...

— וואָס אַ הומאָרעסקע!—האָט קאָפּעלאָוויטש געשריען — דאָס איז אַ פּראָבלעם! זאָגט אַליין: ווי זאָל זײַן די באַציִונג אין היינטיקע צײַטן, אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, פון אַ ראַדיקאַלן באַלעבאָס צו אַרבעטער?.. איר ווילט אפשר איך זאָל צעטיילן מײַן קראָם סחורה צווישן אַלעמען, כאַפּ-לאַפּ, און שרײַען: זאָל לעבן די רעוואָלוציע?!

קוילערט זיך דער שטרײַק איבער קאָפּעלאָוויטשעס קאָפּ אַ פּאָר טעג, אַ וואָך, און אַז דער סעזאָן ברענט ניט אונטער די הענט, זיצט ער אָפּטמאָל אין אַ קאַלעמוטנער שטימונג בײַ דער קאַנטאָרקע, און פּײַקלט אויס מיט זײַנע גראָבינקע פינגער אַ צוּלהכעיסדיקן פּלאַן, וואָס בוועקט אים אין מוח... ס'טײַטש! פון זײַן ביסל סחורה, מיט די צירונג און מיט די מזומן געלט, קען ער זיך דאָך גאַנץ רויִק אויסלעבן ס'ביסל יאָרן מיט דער ווײַב, און נאָך געבן דער באָכטער אַ נישקשהדיקן נדן. און זאָלן זיי, זײַנע מענטשן, פּגרן פון הונגער!.. ער וועט זיך ליקווידירן!

ווײַסט, הײַנטיקע צײַטן האַלט דען ניט אַ סוחר דעם געשעפֿט כּדי בלויז צו צאָלן שטײַער און שכירות די אַרבעטער?! איז צו וואָס טאָרע קלאָגן באַדאַרף ער נאָך דערצו זײַן אַן עקספּלואַטאַטאָר און עפּעס אַ שרײַבערל וואָל זעגן אים אָנשרײַבן אַ הומאָרעסקע?..

אַזוי טראַכט ער אויך בײַנאַכט, קומענדיק אין שטוב אַ צום טויט פֿאַרמאַטערטער נאָכן צעהאָרעוען אַ גאַנצן טאָג אײנינקער אַליין אין קראָם און אָפּרוענדיק בײַ אַ גלעזל טיי מיט אײַנגע-מאַכטס. די אויגן צמורעט ער אַקעגן דעם ליכט פֿון די פֿײַנע לאָמפּן און זײַן קאַבינעט, אַקעגן דעם שטאָלענעם קאַלטן שײַן פֿון דער קאַסעלע, וואָס איז אײַנגעמויערט אין ווינקל וואַנט. ווי אויף צולהכעיס, פֿאַרשטעלן זיך אָבער זײַנע בליקן אָן עטלעכע נומערן פֿון „אַרבעטער-צײַטונגען", וואָס וואַלגערן זיך אויפֿן טיש און דער באַוווּסטזײַן פֿאַרקאַטערט זיך אויף צוריק... ער דערמאָנט זיך די צופֿרידנקייט זײַנע, ווען ער פֿלעגט זיך טרעפֿן מיט אַן אַרבע-טער, מאַסן-מענטשן, ניט קוקנדיק וואָס ער, קאָפּעלאָוויטש, איז אַ סוחר. די דאָזיקע חבֿרה פֿלעגט זיך צו אים פֿרײַנדלעך באַציִען. ער פֿלעגט דאָך קיינמאָל ניט אָפּשטײן און געבן קליינגעלט ניט פֿרעגנדיק אַפּילו אויף וואָס. כאָטש געוווּסט האָט ער, אַז די געלטאַקציע גייט אָפֿטמאָל דירעקט קעגן זײַן קלאַס... נאָר איינ-מאָל האָט אים איינער אַ מוטער פֿון ווײַטעריקע אַרײַנגערוימט עפּעס אַזוינס אין אויער, אַז ס'איז אים וואַרעם אין בויך געוואָרן ווי נאָך אַ טרונק בראָנפֿן: „מאַראַזאָוו איז געווען אַ גרעסטער גבֿיר פֿון אַלץ און ער האָט דאָך געשטיצט די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג..."

איז געקלערט האָט ער דאַן, קאָפּל קאָפּעלאָוויטש: ווער ווייס, פֿון יענער וועלט האַלט ער דאָך ניט... איז אפֿשר אים נאָר באַשערט צו עסן דאָס שטיקעלע שור-הבר און טרינקען אַ בעכער יין-המשומר פֿון דער קומעדיקער סאָציאַליסטישער וועלט...

קען מאַקע זײַן, אַז אָט די דאָזיקע אומגעלומפּערטע מחשבות האָבן געצוווּנגען קאָפּעלאָוויטשן צו פֿאַרענדיקן מיטן שרײַבן... נאָר ס'קען אויך זײַן די סיבה דאָס, וואָס עס האָט זיך גענומען אונטערדרוקן חנא-סעזאָן און שוין אויף מאָרגן האָבן זיך באַוויזן

אין קראַם בײַ אים אַ היפּשע צאָל קונדן. אין דער גרויסער שניט־קראַם, אַ פֿאַרלאָזטע פֿון די פֿאַרקויפֿער, איז געווען דער אמתער חורבן. די קונדן האָבן איינינקער אַליין גענומען כאַפּן־לאַפּן שטיקער זײַד, שטיקער פּליוש, שטיקער ווײַסצײַג, און איינער לעבן אַ פֿאַרדעכטיקער פֿראַנג האָט געכאַפּט אַ שטיק קרעפּדעשין און געגאַנגען כּלומרשט אָנקוקן זיך בײַ דער טיר—און אַ שטעלג ער פֿיס... אַ צעריסענער אויף צוואַנציק שטיקער, סײַ אויסערלעך סײַ אין די מחשבות, האָט זיך קאָפּל קאָפּעלאָוויטש געשריען אויף דער ווײַב פֿאַר אַלעמען אין די אויגן:

— געוואַלד! מען צעטראָגט דאָך מיר דעם געשעפֿט! ני אין פֿאַרײַן און, וואָס זײ, אַז כ'גיב זיי נאָך, וואָל זיי שוין געמען אַ פֿײַער, רבונו של עולם! איינענע מענטשן וואָלן מיר אַזוי אָפּטאָן! איינענע מענטשן!..

א ביטע צום ענגלישן קיניג

„...דעריבער בעט איך זײַן מאַיעסטעט: שענקט מיר דאָס לעבן! האָט רחמנות אויף אַ מאַן אַן אַלמן מיט דרײַ פּיצלעך קינדער, וואָס ווילן ניט פריצײַטיק אַוועקגיין פון דער וועלט... דער ריבונו של עולם איז אַן עדות, אַז איך האָב אויף מײַן לעבן קײנעם קײן שלעכטס ניט געטאָן, טאָ פאַרוואָס זאָל איך באַדאַרפן שטאַרבן צו אַכט און פערציק יאָר מיטן געדאַנק, אַז ס'איז קײן גערעכטיקײט ניטאָ? נײן און צען מאָל נײן! מײַן בלוטיקע האַרץ זאָגט מיר, אַז אַזוי וועט ניט זײַן! אײַער מאַיעסטעט, דער הערשער פון דער גרויסער בריטישער אימפּעריע, וועט זיך אויף מיר דערבאַרעמען. שטײט דאָך אין אונדזער הײליקער תּורה: „לב המלכים ביד אלקים", וואָס איז טײַטש: די הערצער פון אַלע קיניגן זײַנען אין די הענט פון גאָט. פאַרהאָף איך דעריבער, אַז דער אײבערשטער וועט ווײך מאַכן דאָס גוטע האַרץ פון זײַן מאַיעסטעט, ער וועט אײַך מיט חסד אָנגיסן צו מיר און איך וועל דאַן גאָט בעטן פאַר אײַך און פאַר דער לײַטזעליקער קיניגין מאַריע * און פאַר אײַערע קינדער די פּרינצן און פאַרן גאַנצן ענגלישן פאָלק!

דעם סערטיפיקאַט דאַרפט איר שיקן אויף מײַן פאָלגנדן אַדרעס:

איציק-לײב ליפּאָוויקאָוויטש ווילנע, ייִדישע גאַס נומ' 6 (דורכהויף), פּוילן..."

די אויבנדערמאָנטע ווערטער זײַנען געווען דער סוף פון דער פירזײַטלדיקער ביטע צום ענגלישן קיניג, דער שטאַרקסטער טײל אירער לויט דער אינטאָנאַציע, מיט וועלכער ס'האָט פאָרגעלײענט איציק-לײב, דער פאַרפאַסער פון דעם. ער איז אַ נידעריקער ייִדל מיט אַ גרויסן קאָפּ און אַ קורצן פוס. ווען ער גײט, ווײל ער ווײַזן, אַז דער קירצערער פוס איז בײַ אים — מיער, לויפט ער שטענדיק ווי אַן אונטערגעשטאָסענער...

---

* געשריבן נאָך פאַרן לעבן פון קיניג דזשאָרדזש.

פאַרפאַסט און פאַרגעלייענט האָט ער פאַרן ביטע-שרײַבער חיימאָוויטש. נאָך דעם האָט איציק-לייב זאָרגעוודיק צונויפגעלייגט דעם בויגן פּאַפּיר און גענומען קרום זיך אַרומקוקן מיט די פיטשינקע אויגן אין אַלע זײַטן פון שטוב. אין אַז קיין זײַטיקער איז ניט געווען, האָט ער זיך ערשט צעשמייכלט מיט זײַנע כירלע באַקן ווי רויטע קיבעלעך:

— וואָס זאָגט איר פאַרפאַסט! עס וועט אים דורכנעמען, האַ!.. עס מוז אים דורכנעמען! אַפילו אַ שטיין וואָלט עס דורכ-גענומען! אָט דאָס, פאַניע חיימאָוויטש, וועט איר מיר באַדאַרפן איבערזעצן אויף ענגליש און אָפּדרוקן אויף אַ שרײַב-מאַשינקע, און טאַקע שוין! איך רעכן נאָך אויף יום-טובים, אַמיבלעבן, זײַן אין ארץ-ישראל...

דער ביטע-שרײַבער חיימאָוויטש האָט פאַרוויכערט אַ פּאַ-פּיראָס און אַ הייב טוענדיק אי די ברעמען, אי די פּלייצעס, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, צײַט איך שרײַב ביטעס, האָב איך נאָך אַזאַ אין מײַנע אויגן ניט געזען... עס קומט אויס ווי איר וואָלט געזוכט אַ פאַרטשאַטער אין אַ לאָנדאָנער חברה אין געוואָרבן, מען זאָל אײַך קענען...

— אַ-אָט-אָט! דאָס וויל איך דאָך טאַקע! — האָט שײַנענדיק איבערגעשריען איציק-לייב — זאָל ער, דער ענגלישער קיניג דזשאָרדזש, וויסן זײַן, אַז מײַן טאָכטערלע לאַנע איז גלײַך צו אַ פאַרמשפּטן, שיקט ער מיר דאָך גלײַך אַ סערטיפיקאַט!.. און דאָס אָ וועט איר? — בײַ די ווערטער האָט ער אַרויסגענומען פון בוזעם-קעשענע אַ קליינינקע ספר-תּורהלע און אוועקגעלייגט עס אויפן טיש צערטלעך און דרייסט ווי די לעצטע אָפענע קאָרטן בײַ אַ שפּילער, וואָס איז שוין גאָר אין גאַנצן זיכער אין זײַן געווינס — דאָס האָב איך באַשטעלט בײַ אַ סופר, אַ מתּנה דזשאָרדזשן, ס'קאָסט מיר פינף און צוואַנציק גילדן. אָבער דער סערטיפיקאַט איז דוכט זיך מערער ווערט, האַ?!

— און איר זײַט עס אַזוי זיכער, אַז ער וועט אײַך שיקן? — האָט זיך טרוקן אָפּגערופן דער ביטע-שרײַבער חיימאָוויטש (ניט קיין ציוניסט).

— ווי אין קעשענע איז עס בײַ מיר, מענטש אײנער! — האָט באַגײַסטערט אויסגעשריגן איציק-לײב. אַזאַ האַרצרײַסנדע ביסע, אַזאַ ספר-תּורהלע! מירן נאָך צונעמען אין דער ביסע, אַז ס'איז מײַן אײגענע אַרבעט, זאָל ער וויסן, אַז כ'בין ניט אַבי ווער!

— אַלזאָ גוט — האָט חײמאָוויטש געזאָגט און אַ רוף געטאָן: — סאָניע!

— וועמען רופֿט איר? — האָט איציק-לײב געפֿרעגט צעטומלט.

— סאָניען, מײַן שרײַב-מאַשיניסטין.

— אײַ, אַ קלאָג! איר מאַכט מיך אומגליקלעך!

— דאָס פֿאַרשטײ איך שוין גאָרניט — האָט חײמאָוויטש געעפֿנט די אויגן.

— מענטש אײנער! אײַער סעקרעטאַרקע סאָניע איז דאָך געוויס אַן אָרעמע מײדל, וואָס זוכט אַ תּכלית מיט אַ חתן!

— און אויב יאָ, איז וואָס?

— הערט, ווי ער מאַכט זיך קאַלט! — קווײטשעט איציק-לײב — זי קען דאָך אַרויסגנבֿענען בײַ מיר דעם פּלאַן, אײַער סאָניע, און אויך אַוועקשיקן צו דושאָרדושן אַ ביסע מיט אַ ספר-תּורהלע... נאָך דעם פּלוידערט זי עס אויס פֿאַר אַ חבֿרטע, ציפּקען, ציפּקע דערצײלט עס איטע-דבֿורהן, מיט יענטע-דוואָשען, מיט חיה-מאַרקען, פֿאַ וואָס טאַר אַ צורה האָט עס, כ'בעט אײַך, אַז ס'וועט אָנקומען צום ענגלישן קיניג אַ גאַנצער וואַגאָן מיט ביסעס מיט ספר-תּורהלעך! צו וואָס פֿאַר אַ קלאָגן — וועט ער דאַן קלערן — באַדאַרף מען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע?

אַ היפּשע ווײַלע האָט חײמאָוויטש געקוקט אויף איציק-לײבן ווי אויף אַ פֿירפֿיסיקער חיה... נאָכדעם האָט ער אַלײן גענומען אויסזען ווי אַ ווילדע חיה — הײנו: ער האָט זיך באַוואָפֿנט מיט דרײַ גראָבע ווערטער-ביכער, פֿאַרפּרעסט די ליפּן אין אַן אומצופֿרידענעם שפּיץ ווי צים פֿײַפֿן און גענומען בלית-ברירה צונויפֿקלײַבן פֿון די ביכער די פּאַסיקע ווערטער, אַרבעטנדיק מיטן נאָז, מיט די אויגן און מיט די הענט אויף אַזאַ אופֿן, פּונקט ווי ער וואָלט געכאַפּט פֿליגן... איציק-לײב איז געזעסן

דערבײַ אַ שפּענעדריקער. זײַנע בירלע באַקן װי רויטע קוכעלעך זײַנען דאָן נעװאָרן װי אונטער אַ פּלאַם... ער האָט געזען, װי פון אונטער דער שרײַבמאַשין װערן אויסגעקלאַפּט זײַנע מחשבות, זײַנע האָפענונגען אין יענער שפּראַך, װעלכע סיזוכט ליענען און פאַרשטײן דוקאַרדוס דער טינטבער! דער העדשער פון דער גרויס- טער בריטישער אימפּעריע! איצט האָט איציק-לײבן געפּריט ניט נאָר דער געדאַנק פון קריגן אַ סערטיפיקאַט, נאָר דער ענין גופא: שרײַבן אַ בריװ צום ענגלישן קייסער! עס האָט אים פּלוצלונג געװוסען צודינגען זײַן ביסל קענטשאַפט אין פּאָליטיק, און גע- אַנראַפּיע און ער האָט געװוסען אויסרעכענען װי שטאַרק און װי גרויס ענגלאַנד איז... ענגלאַנד שפּילט דאָך די ערשטע פידעלע אין דער װעלט-פּאָליטיק!.. דער „אָװנט-יענער" האָט אַמאָל געשריבן, אַז דער ענגלישער ים-פלאָט איז דער שטאַרקסטער! הינט װיפל קאָלאָניעס זי פאַרמאָגט! אינדיע, אױסטראַליע, קאַנאַדע, מצרים, ארץ-ישראל און... און ניי-גווינעע?

— ניי-גווינעע געהערט אויך צו ענגלאַנד? — רײַסט ער פּלוצים איבער חײמאָװיטשן. נאָר חײמאָװיטש ענטפערט אים ניט. צו שטאַרק אַקערט זײַן נאָז אין די װערטער-ביכער... און איציק- לײבן װונדערט יענעמס גלײַכגילטיקייט אין דעם ענין... „עס אַרט אים נאָרניט" — קלערט ער מיט כעס, פּונקט װי ער װאָלט געשריבן אַ ביטע צום שטעדטאַמט...

דרײַ װײגערנע שעה האָט דער געראָטענער ענגליש-קענער חײמאָװיטש געהאָרעװעט... פאַר דער צײַט האָט ער באַװיזן אויס- צורײַכערן אַ גאַנצע קעסטעלע װאַלװעלע געשטאָפּטע פּאַפּיראָסן, אָנמאַכן אַ בלויען כוכאַן אַרום זיך, זיך באַניצן מיט שווײס און זיך אַזױ צעשויבערן די שיטלעכע האָר פון קאָפּ, אַז ער איז אויסגעקומען װי אַן אָנגעװייקטער אין אַ באָד... און װאַרטצימער האָבן זיך דערװײַל אָנגעקליבן שײנע עטלעכע קליענטן.

און איציק-לײב האָט צײַט געהאַט גענוג, כדי זיך אַלץ מער צו לאָזן טראָגן אויף די פליגלען פון זײַן צעהיצ- טער פאַנטאַזיע. און װאָס פאַר אַ שײנע בילדער האָט ער דאָרט ניט געזען! ער פאַקעװעט זיך, ער פאָרט מיט די קינדער-

לעך אין ארץ־ישראל, פארט ער; אלע בלעטער שרײַבן וועגן אים, וועגן זײַן ביטע צום ענגלישן קיניג, וועגן דער ספר־תורהלע... נאר א שאד איז בלויז, וואס ער איז אן אלמן. ווי וועט ער זיך קענען אײנער אלײן אין וועג אן עצה געבן מיט דרײַ פיצלעך קינדער... און פלוצלונג פאלט אים אײַן א נײַער פלאן, איציק־לײַבן — עס הײבט אים פשוט א קוועלנדיקן פון ארט און ער נעמט לויפן איבערן שטוב ווי אן אומפארגעשטאכענער, קרעכצנדיק ווי ס'וואלט אים שווער געווען דעם ווײַניקן פלאן אײַנצוהאלטן... כ'מײַנט! ער קען דאך טאן א שידוך! נעמען א ווײַבל מיט צוועלעכע הונדערט גילדן! אײדער ס'וועט אנקומען דער סערטי־פיקאט קען ער דאך נאך באווײַזן.

— פאניע חיטאָוויטש! איז ער צוגעלאָפן צום שרײַבער זיך קראַצנדיק דעם קאָפ — טוט א טובה! שרײַבט אָן דושאָרדושן, אז כ'בין ניט קײן אלמן — כ'בין א פארהײראַטער, איר הערט! למען השם, כ'בין א פארהײראַטער!...

או איציק־לײַב איז ענדלעך אוועק מיט דער אָפגעדרוקטער ביטע אין בוזעם־קעשענע און חיטאָוויטש האָט אָפגעצויגן דעם אָטעם ווי נאך א שווערער קראַנקײט, איז ארײַן זײַן סעקרע־טארין סאָניע.

— דאָרטן וואַרטן — מײַנט זי — די דרײַ חלוצים וואָס האָבן פאראַיאָרן געשריבן בײַ אונדז די ביטעס צום ענגלישן קיניג וועגן סערטיפיקאטן. זײ האָבן נאך אלץ ניט קײן ענטפער... זײ ווילן, איר זאלט אָנשרײַבן נאך אמאל, דערמאָנען...

חיטאָוויטש האָט א זיפץ געטאָן, פארדרײט נערוועז א פאפיראָס און קוועטשנדיק מיט די פלײצעס אימבאַהאָלפן זיך אָפגערופן:

— א שײנע מעשה, ניטאָ וואָס צו רײדן! נאר צום ענגלישן קיניג וועל איך מער קײן ביטעס ניט שרײַבן. מען דאַרף פרובן שרײַבן צו דער קיניגין...

לאָקאַליזמען, וואָס קומען אַריין אין דעם בוך

סקאַרמוץ — אַ פּאַפּירן זעקל

וואַלאַי — אַ הויכער, אַ מגושמדיקער

פּיזשיקעס — קליינוואַרג

יושקע — אַ דעקל פון קוימען אין אַ פּרימיטיוון אויוון

באַרזשאַיען זיך — אַרומוואַלגערן זיך

פּאַספּראַיקע — בנין

איינגעפּאַטשקעט — איינגעשמוצט

קאַרשען — קאַלוער

טראַנטשע — אַ ברי, אַ שטאָן

ראַשקע — שעפּל

פּאַדרוטשקע — אונטערן אָרעם

פּאַרשטשיאַבען — פּאַרנייען

קראַשקע — האַרטע צוקער

פּאַרטוליע — שלעכטער באַלמעלאָכע

קאַלופּען — גראַבלען זיך מיט אַ פינגער

„באַראַנטשיק" — אויף די אַקסלען

קאַמפּע — שטיק

פּאַרקאַלייעט — פּאַרפּראַרן

דזינדזיק — לעקיש

קראַסאַוויעץ — אַ שיינער

זאַצירקע — אַ מעלזוף

פּאַרבייקאַסאַיעוריקע — גין פּאַרביי-פּאַרודיקע

אינהאלט:

	זײַט
דער ריח פון פּרעטקעס	3
מײַחל דער גלעזער	21
פּרילינג אין קעלערשטוב	32
א צימער פּאַרדינגט זיך	41
א סעאַנס אין קינאָ	48
א שטיקל שמעלץ	58
קאָרט- און טריז-שפּיל	65
מאָטיע דראָזשקער	77
צווײ אָפּישן	87
לערערין אידע	93
א מאָנטל איף צווײ בּאָרטן	99
א ביסע צום ענגלישן קיניג	106
לאָקאַליזמען	111

אדרעס:

Mojżesz Lewin, Wilno, ul. Tatarska 12 — 10